STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05136

DOS EYBIKE FAYER

Motl Grubiyan

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dora D. Jacobs
in memory of
her parents, Max & Minnie Duchovnay*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



צונויפגעשטעלט — כאַנע בלושטשינסקע

רעדאַקטאָר — אוראָם גאָנטאַר

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״
מאָסקווע. 1976

С(Евр.)2
Г 90

אין מאָטל גרוביאַנס נײַער זאמלונג „דאָס אייביקע פײַער״ זײַנען אײַנגעשלאָסן די בעסטע לידער, וועלכע דער דיכטער האָט אָנגעשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן.

מיט א שטארקער עמאָציאָנעלער קראַפט האָט דער פּאָעט אנטפּלעקט דאָס געשטאלט פונעם סאָוועטישן מענטשן.

גרוביאנס לידער זײַנען אלעמאָל אומדערוואַרט און פריש מיט זייער געבוי און בילדערישקײַט. דער דיאפּאזאָן — ראכוועסדיקברייט: באנאנד מיט לירישע באדאכטונגען וועגן אונדזער הײַנט געפינען מיר אין דער זאמלונג לידער וועגן העראָיזם פונעם סאָוועטישן פאָלק בייס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, לידער וועגן דעם בירגערלעכן באַרוף פונעם מענטשן, לידער וועגן ליבע און נאטור.

כאראקטעריסטיש פאר דער דיכטונג פון גרוביאנען איז זײַן פולע גײַסטיקע אנטפּלעקונג.

© Издательство «Советский писатель», 1976

Г $\frac{70403-162}{083(02)-76}$ 287—76

אין דער וועלט אַרײַן

עס האָט דער טאַטע אפֿן אקסל
דעם טשעמאָדאַן מיר נאָכגעטראָגן
און אָנגעזאָגט מיר אין וואַגאָן ניט שלאָפֿן,
און עפּעס נאָך געוואָלט מיר זאָגן...

האָט צעגאָסן זיך א רעגן,
ווי מע וואָלט אים אָנגעדונגען,
איז דער טאַטע שטיל געגאַנגען
און די טראָפּנדלעך געשלונגען.

טראָפּנס וואַסער פֿונעם רעגן,
ניין, כאָלילע, ניט קיין טרערן,
ס'האָט מײַן טאַטן נאָר געדוכט זיך,
כ'וועל אין דער וועלט פֿארפֿאַלן ווערן.

כ'זאָל כאָטש קומען צו א ברעג צו,
צו א טאַכלעס אינעם לעבן.
אף מײַן טשעמאָדאַן דעם אַלטן
האָט געפּויקט א פֿריילעכער דער רעגן.

טאַטע, כ'וועל אין לעבן טרעפֿן,
מיר דײַן זאָרג ז'ביז ווייטעק טײַער.

אזא קליינטשינקער בא מיר דער טאטע,
און די באָרד ווי א שטיק פּײַער.

זי האָט די סטאנציע באלויכטן
בעסער נאָך ווי א לאמטערן.
— טאטע, קוק ניט, וואָס אונדז נעצט דער רעגן,
טאטע, וועסט נאָך גוטע גרוסן פון מיר הערן.

דער ערשטער ארויספּאָר

אַן אומרויִקער וועטער, א קעלט, און א פראָסט,
איך האָב פון דער היים אין דער וועלט זיך געלאָזט:
מיט א טעפּל פּאָווידלע פון פלוימען געקאָכט,
מיט א ברויטל א ווייצנס
פון יענער וואָך,
מיט הונגעריקע אויגן,
וואָס האָבן געברענט,
מיט לידער א זעקל.
איך האָב שוין געקענט מיט א פּערז
טון א פינקל, ווי א שטערן באנאכט,
כאָטש דער ריטם געהונקען
האָט ניט איצט געדאכט.
און דער גראַם אזוי אָרעם,
קימאַט ניט קיין ליד,
נאָר די ביטערע ווערטער
האָבן זייער געבריט.
הונדערטער יאָר זאָל מײַן שטיפמאמע
לעבן אין גליק,
דאָס טעפּל פּאָווידלע אין זעקל זיך וויגט.
אין כארקאָוו דאָס טעפּל
אין רעדאקציע געשלעפּט:
עטוואָס ס׳האָט געפּלאצט
און די לידער פארקלעפּט...

באָכערל, באָכער,
באַווײַז וואָס דו האָסט, —
ס׳האָט לאַכן גענומען
אין די פענצטער דאָס גלאָז...
א דיכטער דו ביסט,
סאַראַ טײַערער נעס,
נאָר טראַכט ניט, אז זיס
לעבן דו וועסט.
אין רעדאַקציע איז דער טאָפּ
פון פענצטער געפלויגן,
און לידער אופגעשריבן
כ׳האָב אף א נײַעם בויגן.

קינדהייט

אדהייעם איז נאָך ניט אויסגעקלאָרט,
ווער ס׳האָט דיר פארקניפּט אין העמד א קניפּל
נאָך אין דער קינדהייט דאָרט...
ביז איצט באַהאלטן ס׳איז אונטער א שטיין,
ביז איצט איך קאָן עס ניט צעקניפּן.
כ׳זע: די זון בא איר אופגיין און פארגיין
אזוי ריין אין טײַכל פלאקערט.
און איך איבער מײַן היימשטאָט
מיט א ליד אין מויל לויף נאַקעט
און דער טײַך רינט פון מײַנע ליפּן.
אָט וועל איך אין וואסער אראָפּ,
מײַן קינדהייט האלטן איבערן קאָפּ,
שווימען מיט מײַן פּעקעלע קליידער,
וואָס געפינען כ׳האָב אונטער א שטיין,
וואָס ביז איצט מיט די ציין
ניט געקענט כ׳האָב צעקניפּן.

פארשנייטע ערד

ווען צום מישפּעט
מ׳וועט מיך א רוף טאָן דאָרט,
ווו די סמאָלע אין קעסל
הערט ניט אוף צו זידן,
וועל איך ניט לייקענען,
אז מיט טויזנט שליסל
האָב איך געפּרווט
עפענען די פײַערקאסע
פון דעם אייביק פארכאסמעטן וואָרט
און אז איך האָב בעפיירעש געקלערט
פארשנייען די ערד
מיט מײַנע לידער.

* * *

מײַן מאמע כאנע און דער טאטע מיכל,
זאָלן האָבן דעם גאנײדן,
האָבן געהאט א צײַט א שווערע —
פיר קארטאָפל פלעגט מען לײַען בא דעם זיידן.
אף שטרוי זיי קאָכן,
און באזאלצן מיט טרערן,
און די קינדער — ווער מיר שיכל,
וואָס מיר ביכל,
דאָך פלעג איך די וועלט
מיטן קאָפּ אראָפּ איבערקערן.
גיי איך איינמאָל,
שפרינג איך איינמאָל אף איין פיסל
צו מײַן זיידן שלוימען,
און פארקוק זיך, ווי דער רויך גייט פונעם קוימען,
קומט פון מארק אן אָקס מיר אָן אנטקעגן
און טוט א כאפּ מיך אף די הערנער
און פײַל פון בויגן
דורך דעם קאָוועל־געסל
מיט די בערגיק־קרומע וועגן
יאָגט, ווי געפאקט וואָלט ער א גרויס פארמעגן,
און נאָך אים דאָס גאנצע שטעטל:
שוסטער מיט די העמערלעך, שנײַדער מיט די שערן,
קרעמער מיט געוויכטן;

ווײַבער, שײַנען זאָל יענע־וועלט זיי ליכטיק,
מיט פּאַטשיילעס טרערן.
גוואלד, גוואלד!
א ייִדיש קינד
בא אן אָקס אף די הערנער!..
זיך פארלוירן האָט דער אָקס
אין אָט דער ווילדער איידע
און מיך א זעץ געטאָן מיט קויעך
אין דער ערד דער טריבער.
מײַן מאמע כאנע און דער טאטע מיכל,
זאָלן האָבן דעם גאניידן,
האָבן מײַנע ביינדעלעך צונויפגעקליבן.
די מאמע ארײַנזאָגן די גווירים
האָט זיך אויסגעלערנט:
— בא לייווי דאָוויד לייזערס
כאפּט ניט דער אָקס די קינדער אף די הערנער!
און אויב פון טויט
געקענט האָב איך ווידער לעבעדיק ווערן,
איז א סימען, האָט געזאָגט דער טאטע,
אז אונדזער זון האָט יאָ אין הימל
א לויטערן שטערן.

אווטאָפּאָרטרעט

אפן קאָפּ א וואגאָן אש
פון יידישע שטעטעלעך,
די צעמאָלטע,
געברענטע און פארטיליקטע!
אין די אויגן
ס׳פלאם־פײַערל
פון איינעם א בלוטיקן
פרילינג...

און אין זיי,
אין די אויגן,
זיצט א ייד
צעשראָקן און אײַנגעבויגן
פון צאר און וויי —
ער ווײַזט נישט די נאָז
אין גאס,
ווײַל מעסערס איז די גאס!
זיצט ער
אונטער מײַנע ברעמען
מיט הויפּנס שניי,
וואָס מ׳קאָן דאָרט
מיט א שליטן פאָרן —
און ווארט

אף בעסערע יאָרן,
ווען ס׳וועט קלאָר ווערן,
אז ער איז גאָר נישט
אזוי מעשוגע,
ווי די וועלט טראכט...
ער זעט נישט מײַן שטערן,
ווו אָן א לאָמפּ
א טראָט טאָן איז שווער,
מ׳קאָן דערהארגעט ווערן:
אָנגעוואלגערטע צווײַגן
און מאָכיקע בערגלעך ערד.

טראכט דער ייִד —
ער וועט שווײַגן.
וואָס נאָך קאָן ער טאָן?
פון איין זײַט קריכט
צו מײַן מויל די נאכט,
צו דער צווייטער זײַט — די זון.
און ס׳דאכט —
אף אלע פּראָסטיקע ערדן
ס׳איז צעגייט
און א טאָג אין הימל שטייט
א זויבערער און מאָלע־כיין!
נאָר אזוי פארשלאָסן
זײַנען אין מויל בא מיר די ציין,
אז כ׳שווער דיר —
זיי צעהאקן וועט קיין שווערד נישט.

מײַן וואנדער־קינד

א גוט־מאָרגן דיר, מײַן וואנדער־קינד,
מיט דײַן אינדערהיים זײַן — אָן א היים,
מיט דײַן בלאנקען און בליִען
אף יעדער באָדן געראָטן,
מיט דײַן אָפּשײַן אין בליק
פון מײַנע יוגנט־פּריִען,
מיט דײַנע פּערל פון גלויבן,
וואָס דו האָסט אין וועג,
ווי ארבעסלעך אפן ווינט,
בא פרעמדע טירן ניט צעשאָטן.

א גוט־מאָרגן דיר, מײַן וואָגל־קינד,
מיט דײַן לײַכטזיניקער פרייד,
מיט דעם בוים, וואָס זײַן שאָטן
פלעגסט אָנטאָן, ווי א טרויער־קלייד,
ווען דײַן לעבן מ׳האָט געקנאָטן,
ווי א פּרילוקער פּויערטע
קנעט מיט פּיס די באָרוועסע ליים,
אף ארומשמירן די מעובערעסע ווענט
פון איר אײַנגעבראָכענער היים,
מיט פולע פענצטערלעך טרויער־שײַן.

מײַן וואָגל־ און וואנדער־קינד,
מײַן געבענטשטע און געשטראָפטע כאנע,
זופּ אָפּ פון מײַן האנט
א ביסעלע פרישן ווינט,
דו ביסט אזויפיל אויסגעשטאנען —
צאר און לייד אָן ווּיסטע זאָרגן...
דו, מײַן וואָגל־קינד, מײַן וואנדער־קינד,
מיט דײַן היים זײַן אָן א היים,
א גוט־מאָרגן דיר, א גוט־מאָרגן!

מײַן אלעפבייס

װען געבליבן איך בין אינגאנצן אָן א דאך,
האָב איך מיר א שטוב פון מײַן אלעפבייס געמאכט.

אָס צו אָס צונויפגערופן בא א בוים אף אן אסיפע
און א היים זיך אויסגעבויט, א װעלט כאריפעס.

די אלעף האָט צוויי סאמעכלעך געכאפּט אין די הענט
און איז צום ברונעם געלאָפן וואסער טראָגן,

דער יוד — ווי געבוירן צו זײַן א ציגל אין די ווענט,
דעם זײַען, ווי א טשוואָק, כ'האָב אין באלקן פארשלאָגן.

די וואָוון־קראָקוועלעך שפּארן אונטער דעם דאך,
פון דער דאלעד א טיר און א הויזן־טיר געמאכט.

פון די פייען אויסגעלייגט א קוימען א כידעש —
אך, סארא זשאר, סארא פלאם פון די אויסיעס אף יידיש.

װען איבערגעשריבן אף ריין כ'וואָלט דעם הימל,
וואָלט איך פארמעקט פון גזאר דעם גימל,

דאָס גימעלע פון גליק ערגעץ ווײַט נאָך בלענדט,
אך, סארא זשאר אין הארץ בא מיר ברענט.

איך לויף נאָך דעם לאַמעד פון ליבע און ליכט,
מיט דער האַנט כ׳וויש אַ וואָלקן אַראָפּ פון געזיכט.

מיט זילבערנע פּיקעס דאָס פעלד איז פאַרפּלייצט,
כ׳האָב שוין לאַנג נישט געזען אַזאַ הויכן ווייץ!

דאָ אין פעלד מײַנע ברידער געברענט און געטייט,
מײַן קאָפּ, ווי די ערד אַרום דער זון, זיך דרייט!

פון דער זון נאָר איין נון אין האַרץ איז געבליבן,
ווען איך וואָלט דעם הימל אויף ריין איבערגעשריבן,

צום פענצטער מײַן פאָלק געוואָרפן אַ גרײַפּעלע טרייסט,
די וועלט וואָלסט באַוואונדערט, מײַן אַלטינקער אַלעפבייס...

דאָרט אין אוראַלט מ׳האָט דיך, ווי אַ לײַכטער, געריבן,
אַרום־און־אַרום דער קײַלעכדיקער ערד געיאָגט און געטריבן,

באַ בריִעס־אוילאָם פאַר דוירעס געשטעלט דעם ערשטן בייס,
דעם אַלעף אין אַשריי, וואָס יעדער מיטוואָך־ייִד ווייסט.

ביסט אַ לאָגל מיט ווײַן, ווי דאָווידס אַ ליד,
דײַנע אויסיעלעך זיך שיטן אין האַרץ מיר צעגליט.

דײַן שין צינד איך אָן, ווי אַ מענוירע, אויפן טיש,
אונדזער גוירל זאָל נישט זײַן מער געפּלאָגט און צעמישט.

נאָך אַזויפיל רעדיפעס, נאָך אַזאַ לאַנגער נאַכט
איך לעב, ווײַל איך האָב מיר אַ שטוב געמאַכט,
פון מײַן ייִדישן אַלעפבייס אַ שטוב מיט אַ דאַך.

* * *

לאָמיר נעמען דעם רעגנבויגן
און אים אויסציִען אין דער לענג,
דו פון איין זײַט, איך פון דער צווייטער,
ביז יענעם ווײַ־לאַנד,
וווּ ס'איז נאָך פינצטער און ענג,
ביז יענעם גאָרטן,
וווּ מאָרעשכוירע הענגט —
וווּ מענטשן וויאַנען אַזוי ווי אָסיען־קווייטן.

לאָמיר נעמען אונדזערע לעוואָניקע דעכער
און זיי אָפּשיקן
פאַר יענע שטיבלעך,
וואָס האָבן אָפּגעברענט, —
שווער דאָך צו לעבן אָן דעכער,
דאָרט, וווּ מיט ראָצכישע הענט
מ'קומט די ערד
צינדן און אירע קינדער שעכטן!..

לאָמיר פון אלע טײַכן מאכן א שווערד
און מיט איר די פײַנט פאַריאָגן —
דו פון איין זײַט, איך פון דער צווייטער,
וועלן מיר די ערד פון געגעם ארויסטראָגן.

מיט מײַנע אויגן

העננט א רעגן אף די אויגן,
און די ערד איז אויסגעבויגן.
בערג און וועלדער,
קרומע טײַכן,
ווען מע זאָל עס אלץ אויסגלײַכן? —
כלעבן, אז סע וואָלט ניט טויגן;
אָט די ראָד פון רעגנבויגן,
וואָס איבער וועלדער
שטייט געבויגן,
און די ווינטמיל,
ווו צוגעזעצט האָט זיך א פויגל
אף א פליגל...
ליבער פויגל,
שיינער פויגל,
ביסט א וועלט שוין אויסגעפלויגן
און געקומען
צו א קרומען
ווינטמיל־פליגל —
כלעבן, אז סע וואָלט ניט טויגן,
ווען דער פליגל איז א גלײַכער...
בערג און וועלדער, קרומע טײַכן,
ווען מע זאָל עס אלץ אויסגלײַכן:
אָט די דערפער אינעם בארג־טאָל,

פי און פערד און פײַכטע סטויגן —
כלעבן, אז סע וואָלט ניט טויגן...
בלויז דעם מענטש —
אים באַדאַרפט
מע וואָלט יאָ אויסגלײַכן,
ווײַל נאָר דעמלט
זינגט זײַן שיינקײַט,
ווען ער איז ניט אויסגעבויגן.

א שטיין באַם ברעג יאַם

אוואַדע איז געוואָרן ליכטיק,
קיין וואָלקן זיצט אױף מײַן ברוסט;
גענוג, וואָס אַליין דער דיכטער
האָט איינמאָל אַ וואָלקן ווערן געמוזט.

סע טראָגן אין דער וועלט אים די אויגן,
דורך אַ הימל מיט פּאָקן און גרויל,
וואָס זוכט ער? — ער זוכט דעם פֿויגל
מיט דעם העל־בלויען שטערן אין מויל.

ער האָט שוין צעזייט זײַנע טרערן,
זײַן נעשאָמע דריקט ניט קיין שטיין;
גענוג, וואָס אַ שטיין ווערן —
ער האָט איינמאָל געמוזט אַליין.

ס׳האָט דער יאַם זיך דערמלט געוואָרגן
מיט רעציכע און מילכאָמע־פֿלאַם,
האָט ער אַ גוורע אין זיך פֿאַרבאָרגן,
געוואָרן אַ שטיין באַם ברעג יאַם.

וויפֿל מאָל איז די זון פֿאַרגאַנגען,
אין בלוטיקע כוואַליעס דערברענט?

רום צו די, וואָס אין טויט־געראַנגל
האָבן שטאַרקער פון שטיין זײַן געקענט.

סע שעמערירט די זון אין די אויגן
נאָך דער לאַנגער כווּשעך־נאַכט,
כ׳הייב אויף די אויגן צום פויגל,
וואָס האָט מײַן העל־בלויען שטערן געבראַכט!

אין מײַן מעלוכע

אין מײַן מעלוכע, װוּ איך קיניג,
ניטאָ איז קײן אַרמײ, —
כ׳האָב אַ גענעראַל אַ טשײַניק,
פאַרפאַרע איך אין אים טײ.

כ׳האָב אַ מאַרשאַל אַפּילע,
דאָס איז מײַן ליבע פּרוי —
אירע ליפּן בלויז פאַר טפילע,
איר גלײבט, אַז ס׳איז אַזוי?

סאָלדאַטן — ניט צום איבערצײלן,
װי מע זאָגט: קעכויל־האַיאָם.
פּאָעטן קומען צו מיר זיך הײלן,
כאַפּן אַמאָל אַ גראַם...

אָ, גאָט מײַנער, איך בעט װײניק,
טו מיר, װאָס איך בין װערט,
נאָר מאַך מיך ניט פאַרן קעניג
איבער גראַפאָמאַנען אויף דר׳ערד.

* * *

קום אהער צו אָט דעם וואלד,
דער וועג איז אנטלאָפן אין א זײַט —
דעם קאָפּ אין די הענט מײַנע באהאלט,
ביסט נאָך אלץ אזוי פארשײַט!..

און איך בין שוין מיד,
און רו איך געפין בלויז אין דער ליד.
אָבער אומרויק איז זייער די צײַט.
קום אהער צו דעם וואלד.
אין זײַן רויש הער זיך אײַן,
ער ווייסט אלץ, וואָס ס'איז נעכטן געוועזן
און וואָס מאָרגן וועט זײַן...
עפשער זאָל איך ווערן
א בוים אינעם וואלד? —
האָט עס אויך ניט קיין זינען,
ווײַל א מאזל שוין האָב איך אזא —
פון אלע ביימער וועט מיך
דער וואלדהעקער דעם ערשטן געפינען.

דער אייביקער בוים

איך בין א יינגל
און וואָלט אף יעדער בוים געקראָכן,
די הענט מיט שטעכיקע צווייַגן
צעדאַמט און צעשטאָכן;
קריך איך, ביזן שפּיץ פון אייביקן בוים,
צו די שטערן, וואָס פאַלן פון רוים,
צו די וואָלקנס, וואָס שווימען
דאָרט שטענדיק, צו דעם הימל,
וואָס קיינמאָל זיך ענדיקט.
אײַ, ווי געוואָלט, ס׳זאָל העכער דער בוים
מײַנער וואַקסן,
מײַן כאָלעם זאָל דיך שטעלן מיט איין פוס
אף מײַן אַקסל
און האַלטן א שויפער א גרויסן אין די הענט,
אַלע שטערן צונויפרופן
מיר וואָלטן געקענט
און זינגען א ליד
דער שייַנקייַט פון רוים!
פון דעם האָט דאָס האַרץ
בא מיר זיך צעבראָכן...
נאָר ס׳האָט פלוצעם אומענדלעך
גענומען וואַקסן דער בוים.
כ׳בין ווייַטער געקראָכן,

נאָר א כאָלעם, א כאָלעם בלײַבט,
ער איז אראָפּ פון א צווײַג
און אף דער ערד זיך צעבראָכן.
גיי, שרײַ, לעב, טרוים!
ווּ געפינט מען אים, דעם אייביקן בוים?

יאנקעלע

פון אמאָל

מײַן מאמע לויפט דעם קראנקן יאנקעלע א גוט־אויג אָפּשפּרעכן,
זי וועט אן אן איי צעברעכן און מעל ארײַנשיטן א דריטל פון א פונט
און אין גאָרטן היטן, דאָס איי זאָל דער הונט אויסלעקן מיט אפּעטיט,
וועט יאנקעלע ווערן געזונט.
נאָר די מאָרדע פון הונט אין דער גלאָז ניט קריכט,
דאָס איי איז צעשלאָגן
און דער מאמעס געזיכט
ענלעך איז צו אונדזער אלטן זייער שײנעם, נאָר גרינעם פלאנקן!
יאנקעלע, יאנקל!
וואָס האָסטו צו דײַן מאמען?..
זי וועט דאָך אליין באלד אויסלעקן דאָס איי
פון דער האווקענדיקער גלאָז.
ווארף ארוף א טאלעס אף דער מאמען,
זי ליגט אין גראָז!..
דו ווייסט, אז די מאמע וועט לויפן אין שטעטל
איבער אלע קראָמען נאָדעלעך קויפן —
און מיט איר בליק די קרעמערקע סאמען,
איר די אויגן מיט איר טערקישער שאַל פארקישעפן,
קלוימערשט, ווי א פאָדעם דײַן וויגליד מיט די ציין אָפּבײַסן —
און נאָדעלעך א טוץ גאנוועגען פון טישל,
אינמיטן העלן טאָג, ווײַסן.
און מיט זיי, מיט די נאָדעלעך,

צום אָסטאשיווקע־טײַך, בארג־אראָפּ —
די מאמע גיין באדארף לײַכט,
מיט דער פלייצע צום טײַך —
און איבערן קאָפּ זייווארפן אין טײַך —
דעם אייבערשטן דאנקען דאָ:
דער לעוואָנע און די ווינטער־קווייטן,
דעם פאראיאָריקן שניי —
און זיך אויסוויינען
אזוי, אז פון איר ווײ —
זאָל דאָס אײַז אין טײַך צעגאנגען ווערן.
זי וועט שטיין א נאכט א לאנגע דאָ,
פרירן באם וואסער אונטער דער בריק;
ס׳איז דאָך יאנקעלע, ווי איין טראָפּן וואסער —
יאנקעלע,
צען טריט צום טײַך —
פאָרויס — און צען צוריק!

א קינד

ס׳איז גאָרניט קיין זינד,
די זינד, וואָס איך טו —
צעשפּרייט, ווי פליגל,
די הענט, אַז דער ווינט
זאָל מיך ברענגען
אין לאַנד פון ליבע
און היימישער רו...
איך בין אינגאַנצן
קימאַט שוין ווי דו;
איך עפן די טיר,
ווען שטאַרק איז דער ווינט,
צעשויבערט די האָר
און לאַך, ווי אַ קינד;
נאָר מיסטאָמע ז׳בא מיר
אויך דאָ נאָך אַ גרעסערע זינד,
ווען סע פּײַפט אין די ביימער
דער האַרבסטיקער ווינט!
איך בין אינגאַנצן ווי דו!
ווי דו, מײַן קינד.

פייגעלעך

איך האָב געוואָלט א קוק טאָן איר אין די אייגעלעך,
האָט זי אופגעהויבן דעם קאָפּ
צום בוים מיט די פייגעלעך,
און דער שמייכל פון אירע ליפּן
האָט זיך צו אירע מויל־ווינקלען פארוקט.
פארשעמט האָב איך קלוימערשט
צו אירע שיך געקוקט.

ס׳האָט א רעגנדל גענומען גיסן אף בערדיטשעוו,
און די נאסע פייגעלעך אפן בוים
האָבן קוים געפּישטשעט:
אזעלכע טײַערע קארשן־אייגעלעך
און א קאָפּטעלע מיט פייגעלעך.

קום ניט...

קום ניט, שלימאזל, צו מיר צוגאסט,
רײַס ניט אומזיסט די שיך,
איך בין מיט א גאָלדענער פרוי
פארקנאסט —
איר נאָמען איז ליכט...

אף הויכע אָפּצאסן זי טרעט,
און אויגן — דער הימל אליין,
צוליב איר וועל איך, דער פּאָעט,
דיר אָנטאָן אפן האלדז א שטיין.

און גלײַך פון דער בריק אין טײַך
אראָפּ צו דעם דעק וועסטו גיך.
דער טאָג אין מײַן פענצטער לײַכט,
רײַס ניט אומזיסט די שיך...

די שליסל

פאר כעדווע, אז מײַנע ביינער נאָך יאָרן קריג
װעלן אָפּרוען א ביסל,
האָב איך, ראַמענדיק מײַן שיינע און ריינע װוינונג,
ארויסגעװאָרפן דורכן פענצטער
דעם שלאָס פון דער טיר און די שליסל.

צאַפּלט מײַן הארץ און װערט שיר צעריסן.
אזױפיל יאָר האָב איך ניט געהאט װאָס צו פארשליסן —
סײַדן אף דעם אינדרויסן
הענג אוף א שלאָס א גרויסן
און לייג ארײַן אין די הויזן־קעשענעס די שליסל.

טרערן האָבן בא מיר פון די אויגן זיך געגאָסן.
איך װאָלט מיט פארגעניגן פארלירן די שלעסער און שליסל,
אף װעלכע די װעלט מע האָט פארשלאָסן.
צו װאָס דארפן עס מענטשן שלעסער און שליסל?
דאָס הארץ װערט צעריסן.

לעבן, מײַן לעבן!

דאָס לעבן איך בענטש,
דעם טויט איך שעלט;
נאָר כ׳בין דאָך א מענטש
און וועל אויך אמאָל שטארבן,
בלײַבט מײַן גאָרטן דען הויל? —
אנדערע וועלן פייגעלעך
זינגען דאָ הערן,
פלאנצן דעם עפּלבוים,
מיד אף א שטיין אנשלאָפן ווערן,
דעריאָגן דאָס מיאטשיקל
פון זוניקן טרוים.
טאָר מען דען טראכטן
וועגן די רעגעס גרויל.
מיר, אז די בייזע שאָ וועט,
כאָלילע, א קלאפּ טאָן
מיט א פוס אין דער טיר,
ניט שרעקן זיך איך וועל
פארן שטארבן —
א שמייכל טאָן וועל איך
צו דער וועלט
מיטן פולן מויל,
עס אויסווישן מיטן ארבל,
ווי נאָך א גוטן פולן
קופל ביר.

* * *

שרײַב איך, שרײַב און שרײַב —
א גאנץ לעבן כ'שרײַב,
כ'שרײַב, אז ניט קײן מוז איז שרײַבן,
פונעם שרײַבן עס פארבלײַבן
גרויסע שראמען אפן לײַב,
שרײַב איך, שרײַב און שרײַב —
ווײנט זי אָפט, מײַן בידנע מוזע,
ווי א פאסטעך. אין דער פּאָלע
אירע שײנע פערל איך קלײַב.
אהײם די שעפעלעך איך טרײַב.
כ'זע, א רעגן פאלט פון הימל
און פארטרינקען מיך זיך קלײַבט,
און א בליץ דאָרט אויבן שרײַבט.

שרײַב איך, שרײַב און שרײַב —
א גאנץ לעבן כ'שרײַב.
כ'שרײַב, אז שרײַבן
איז באם מענטש אזא מין מידע.
ס'גאנצע הארץ א קאָרן־פעלד
פון צארטע און ניט נאָגנדיקע לידער:
איך שרײַב מײַן מאמען,
שרײַב מײַן שוועסטער,
אלע קרויווים, אלע פרײַנט.

אין מײַן סעדל אַלע בלעטער
מיטן ווינט אויפגעגעסן
האָב איך הײַנט.
איך שרײַב מײַן ברודער
און מײַן זיידן שלוימען —
קורצע לידער, לאַנגע לידער.
ס'שרײַבט מיט מיר דער רויך פון קוימען,
ס'שרײַבט דער טײַך אויף זײַנע ברעגן,
אויכעט מײַנע אויסיעס
דאָרט כ'באַגעגן,
וואָס דער ווינט האָט אויסגעקריצט.

אױף דער לעװאָנע

אָן א באַלעגאָלע
א װוּנדער־װעגעלע
די רעדער קאַטשעט,
אונדזער יאָרהונדערט
איז ניט קײן קליאַטשע,
װאָס די פּיס קױם שטעלט.

אונדזער יאָרהונדערט
פּאָיעט פון לעװאָנע־אָזערעס
אַלע דאָרשטיקע פּאָעטן
פון אַלע פיר עקן װעלט.

די לעװאָנע,
די ערשטע קרעטשמע
פאַר אונדזער כאָלעם
און פאַר דעם
אײן טױער קלאַפּנדיקן
— פרימאָרגן
װיפל װעגנען און ליכט
ביז איצט פון אונדז פאַרבאָרגן?

נאָר דאָס װוּנדער־װעגעלע
זיך טראָגט בעשאָלעם.

מע דאַרף ניט קיין פערדל,
קיין בײַטש אַף די ריפּן
דאַרף מען ניט צעבּרעכן,
בּלויז איין טפילע אַף די ליפּן:
ווונדער־וועגעלע,
טרייסל אַף דער לעוואָנע
אַרויס אונדזער נעכטן!
וועלן מיר מאַזלדיק
קאָוועַן רעדער
פאַר נײַע פּלאַנעטן.
דער מענטשהײַט אַזאַ קאַרעטע
פעלט.

אונדזער יאָרהונדערט
פּאָיעט פון לעוואָנע־אָזערעס
אַלע דאָרשטיקע פּאָעטן
פון אַלע פיר עקן וועלט!

מײַן פענעלע

מײַן פענעלע — מײַן אײפּעל־טורעם,
איך קען פון דיר אראָפּפאלן
אין איין אויגנבליק,
פאַרגעפילן האָב איך, אז די וועלט
דרעמלט פאר א געפּערלעכן שטורעם,
און מײַן ליד,
פון די טיפסטע טהאָמען אין יאם,
צוריק אף א בלוילעכסטער כוואליע
זיך די אויגן פון זון פארשטעלט,
און ווי א זעגלשיף,
צווישן הימל און וואסער זיך וויגט,
ס׳קען ניט און וועט ניט
פארשווינדן אונדזער קליינינקע וועלט!
צוגעבונדן זי איז מיט אײַזערנע קייטן
צו אזא הויכן, אומזעבארן טורעם!
ציטער ניט, מײַן ליד,
דיך דערטרינקען מ׳קאָן נאָר אין קווייטן,
און מײַן פענעלע איז נאָך ניט מיד
צו גיין אנטקעגן דעם לעצטן שטורעם!

מײַן יאם־שטעקעלע

ס׳איז ניט איבערגעטריבן,
אז אויך דער יאם
פון אן אומגליקלעכער ליבע קרענקט.
ער האָט שוין א יאם
מיט טינט אויסגעשריבן
און קערט וועלטן און בענקט.
נא דיר, יאם, מײַן יאם־שטעקעלע
און טרײַב דײַן קרענק,
ווּעסטו, מעגלעך, געהיילט ווערן...
צוליב עפּעס א צעלאָזט שטערנדל
אין אומקלאָרער ווײַט
קעדײַ דען מעשוגע צו ווערן?
נאָר ס׳קלאַפּט זיך דער יאם
אין שטײנערנעם ברעג,
א פארליבטן איז שווער
עפּעס דערקלערן,
ווי פון א קייט ער זיך רײַסט
אין א מעכטיק געשלעג, —
און איך זײַן פארליבט,
ווי דער יאם,
בא אים א גאנץ לעבן זיך לערן...

מײַן וועלט

מײַן וועלט, מײַן ניט־דערמאָרדעטער טיש,
אַף דיר האָט א דונער ניט איין מאָל געפּלאַצט,
איצט וויגט זיך א לאָמפּ איבער מײַן קאָפּ, איבער מײַן טיש,
און אפן פענצטער זיך וואשט א נארישע קאַץ.
איצט ווייס איך, אז איך האָב זייער א סאך:
מײַן ליבסטערס האנט און איר לויטער געזיכט,
ווער האָט מיך צוריק צו דעם ברעג געבראכט,
און ווער האָט פון טיש די ציט׳ריקע פּיסלעך פאַריכט?
כ׳האָב זייער א סאך: די פּרוכט פון הארבסט,
די ערשטע טעג אפּרעל און פרילינג־צוויט,
דײַן האנט און דײַן אָפּן גאָלדן הארץ,
וואָס אָן פליגל צו מיר אלץ פליט!
כ׳האָב זייער א סאך: דײַן לויטער געזיכט,
כ׳האָב שניי אפן קאָפּ. ווער האָט זיך געריכט,
אז ווערן כ׳וועל ווײַס אזוי גיך?
פון שטערן דער פלאַם,
פון דעמב די קרוין.
אין די טיפן פון יאַם
מיט דיר איך וווין.
מיט דיר, מײַן ניט־דערמאָרדעטער טיש,
בין איך קוירעך־רײַך.
כאָטש די קנייטשן פון שטערן ניט אָפּגעווישט,
כאַפּ איך אוף זיך באגינען און לויף, ווי א טײַך.

צו דיר, מײַן געליבטע, מײַן זעל און מײַן טרוים,
מײַן וועלט, מײַן ניט־דערמאָרדעטער טיש.
כ׳האָב זייער א סאך: א וווּנד, וואָס איז פריש,
א וווּנד פון א גרויזאמער נאכט אף מײַן טיש,
דאָס אש וועט דער ווינט צעווייען ווײַט,
מײַן גלויבן זיך צינדט, און ס׳בלוט שרײַט:
מע טאָר ניט, מע דארף ניט זײַן אזוי צעמישט,
ווען אף דעמבענע פיס שטייט דײַן וועלט, דײַן טיש,
נאָך קומען זי וועט, די געגארטע צײַט,
ווען אף מײַן ניט־דערמאָרדעטן טיש
וועלן ווײַנען זיך גיסן און לידער
זיך צינדן מיט העל־בלויע שײַטערס פארשײַט!

א גאַנץ לעבן איין ליד

(אקראָסטיך)

כ'האָב א גאַנץ לעבן איין ליד געשריבן,
אז נאָר צו דיר סע פירן מײַנע וועגן,

נייטיק נאָר א סטריכע פאר אונדזער ליבע,
עס זאָל דאָס פייגעלע ניט נאס ווערן פון רעגן.

ביסטו אלץ נאָך קינדעריש, אין דימיען לײַכט,
לויפסט צו פרעמדע סרייפעס און ווערסט א טײַך.

און די היים דײַן אייגענע — כאָטש שרײַ גוואלד —
שוין אוועק די יוגנט, ווי א פוקס אין וואלד.

טויזנט מאָל מײַן טרער לויפט נאָך דיר צעשײַנט,
שטארק אזוי דאָס פײַער פון דײַן פיצל מויל!

— יינגל, זאָגסטו, ביסט מײַן גרויסער פרײַנט,
נאָר ניט פײַניק מיך פאר נעכטן הײַנט.

ס'זאָל ניט ענג זײַן, ווילסט, מײַן קדושן־רינגל,
קארג מיר ניט קיין ליכט פון דײַנע צען פינגער,
יעדן טאָג שענק מיר א ביס מיט דײַן מויל.

מײַן אײניקל

נאטאשינקע, נא דיר אין די הענטעלעך
דעם ערד־קײַלעך, די ערד —
און דריי זי אַף דײַן ראָזע פינגערל,
דיר איז דערווײַל נאָך גאָרניט שווער
דער וועלט ארויסשטעלן א ציגעלע.
זע נאָר, זי דרייט זיך טאקע, די ערד,
און די יאמען און טײַכן זיך ניט צעגיסן,
דײַן וויגעלע האָט אויך זיך ניט איבערגעקערט
און די ביימער אין באהעלטערלעך
זיך שפּילן — לאָזט אויס זיך,
און מויערן מיט פּאקעלן צעצונדענע לויפן,
גלײַך עמעצער וואָלט זיי דאָ אונטערגעשאָסן.
נאטאשינקע, ווילסט, קען איך פאריזש
דיר קויפן,
פאר מײַנע לעצטע פאָר גראָשן,
דו וועסט אלע בערעלעך
און העזעלעך צו דער סענע טרײַבן,
מיט דעם אייפל־טורעם די שפּראָצנדיקע
שארפע צײנדלעך רײַבן,
אין לוּור דײַן בילד
עפשער לאָזן פאר א מאשקן? —
נאָר וואָס לויפט עס דײַן טאטע
אזוי ארום פארהאוועט

מיט א פארדרייטן דאשעק,
ער האָט ווידער אף א נײַעם פּראָעקט
א יאם מיט צײַט געפּאטערט;
א צווייטן פאריזש אף וואטמאַן־פּאפּיר
גאנצע נעכט מיט פלײַס געצייכנט?..
און דײַן מאמע געקאָכט א הריקע־קאשקע
פאר דיר —
און האָט אין טעפּל ארײַן געשמייכלט.

גאנצפרי

כ׳בין א גאנץ לעבן
ארום א טרער
געלאָפן —
כ׳האָב געקענט זי
מיט א בערגל פארגלײַכן,
די זון
אין איר געזען,
ווי אין א שפּיגל.
כ׳האָב נאָך ניט געוווּסט
דעם אומגליק,
וואָס איז נאָענט
מיט מיר געשלאָפן;
פון דעם בערגל
א פלייץ געטאָן
האָבן צעבונטעוועטע טײַכן,
און איך קעגן שטראָם
בין ארויס אנטקעגן —
ניט קיין טײַך, נאָר א יאם
פארשווענקט
אלע ברעגן,
וויש אָפּ די טרער,
זאלץ ניט די אויגן!
מאָרגן גאנצפרי

װעט די אַלטע ערד
אַרויס אַן טרויער
דורך דעם טויער
פֿון פֿרישן
און יונגן
רעגנבויגן.

אן אָריגינאַל

כ׳בין אן אָריגינאַל:
איך לאַך, ווען פון א זיבעטן עטאַזש
פון פענצטער איך פאַל.
איך לאַך און וויין,
ווען אַף מײַן סטעליע
א שטריק זיך וויגט
פאַר די, וואָס האָבן מײַן פאָלק
געשטיקט!
כ׳בין אן אָריגינאַל:
מיט מײַן פערדל
שפּרינג איך איבעראַל,
איבער שײַטערס, שפּאַרבער־נעסטן,
שפּרינג איך צו מײַן
ריינעם לידער־קוואַל!
כ׳בין אן אָריגינאַל:
אָפּט אליין א צעפּאָלאָכעט פערדל,
און אַף מיר איז שווער צו רײַטן.
גרינע פעלדער,
פרישע פעלדער —
און דאָס אַלטע בײַטשל?
נאָך א שמיץ
און נאָך א קנאַל,
מע מוז זיך פירן לײַטיש;

ס׳טאָגט דאָך שוין, א זונען־שטראַל
פאַכט, און ניט דאָס בײַטשל!
גרינע פעלדער,
פרישע ערדן,
שלינג און שלינג די ווײַטן,
ווידער קום איך צו מײַן יוגנט־קוואל —
איך בין איצט דער רײַטער.

דער לייטער

דו ביסט מײַן נעשאָמע,
מײַן ווילדגעשריי
און מײַן זיסער, שטילער ווייטעק.
נישט באַם פארענדיקן די מילכאָמע
אין מײַנע אָקאָפּעס איך שטיי,
נאָר אפּסנײַ אין פײַער,
פאר זיך טרײַ זײַן און טײַער
איינעם דעם צווייטן!
נאָר צו דער סאמע גרענעץ
פון מײַן הארץ
האָסט סנאריאדן געבראכט —
און מיר זיך כאָלעמט באנאכט,
אז א לייטער
כ׳טראָג איבער צו א וואנט
א צווייטער,
צום מיט שטערן פארשאָטענעם דאך,
דײַן ערשטע ליבע געפינען;
— נעשאָמע מײַנע,
ביסט כאסוועשאָלעם גערירט
פון זינען?
נישטאָ דאָך קיין ליבע קיין צווייטע,
ווען די ערשטע האָט, ווי שניי,
צערונען אף אלע ראנדן פון דאך!

ווילסט נישט?
פאַרשטיק כאָטש מײַן ווילדגעשריי,
מײַן קיינמאָל נישט שטומווערנדיקן ווייטעק;
איך קאָן דיר העלפֿן
זוכן דעם פֿאַראיאָריקן שניי,
צוריק דיר צושטעלן צו דער וואַנט
דעם הויכן לייטער.

בריוו פון דער ווײַט

שרײַב מיר אָפטער דײַנע בריוו
פון ארכאנגעלסק און פון קיִעוו;
דאָרט אין קיִעוו דער יאר איז טיף,
פון די ווערטער בלוט מײַנס טריפט!
אָבער פון ארכאנגעלסק דאָרטן
כ'בין געשווומען צו וויפל פּאָרטן?
פון דער דווינע אין ווײַסן יאם,
ווען דער הימל האָט געפלאמט.

ס'טריקנט איצט בא מיר אין גומען,
ווי געטרונקען מ'האָט מײַן שיף;
דײַנע ווערטער, ווי מאטראָסן,
שפּרינגען פון די טריומען;
מיך פון טהאָם ארויסגענומען,
קום, דערשטיקן רויך אין פלאם!..
קום, דער הימל ווערט אלץ שווארצער,
א „פּראָבאָיִנע" אין הארצן
בא מיר געווען אין ווײַסן יאם.
מײַן שארבן שווענקט מער נישט אין טאָל
דער אופגעשוימטער דניעפּער —
און דער יאם מיט זילבער טריפט,
זילבער איז עס, עפּשער שטאָל?..
איך געדענק דאָך, ווי אמאָל
מיט טײַכן טרערן פלעגסט פארקלעפּן
דײַנע, איצט נאָך פײַכטע, ווײַטע בריוו.

וועלט

סע טשמעליעט דער זומער,
און דער פויגל טרעלט,
ארומגענומען
כ׳וואָלט זיך איצט מיט דער וועלט
און געטאָן זיך א וואלגער
מיט איר אין קאָרן טיפֿן,
פֿערעלעך טוי זאָלן טריפֿן, טריפֿן!
און געשמאק זאָל אין הארצן
אריַין מיר דאָס פֿעלד,
האָב איך זיך אָבער אזעלכעס דערוווסט,
וואָס שטעכן גענומען
מיך האָט אין דער ברוסט;
די וועלט — יאָרהונדערטער וויפֿל! —
טראָגט אלץ נאָך א רעכטן שטיוול
אויף איר לינקן פֿוס.
ווער ווייסט, פֿון וואָס די וועלט
איז אזוי צעשטריַיט,
מעגלעך, זי איַילט צו נייַער ציַיט,
און וואלגערן וועט זיך מיט מיר
נאָך אין קאָרן,
מיט מיַין הימל דעם הויכן
און אייביק קלאָרן.

דאָס ערשטע בלאַט

כ׳האָב אויסגעוואַנדערט
פון האַריגע־יאָר
צום לעבעדיקן בוים,
צו יענע וועלטן פון טרוים,
ווו בלויז אַף פּרוכט מע וואַרט
און אַף אַ קילן שאָטן;
מײַן האַנט איז צאַרט,
און נישט פאַרדעכטיק
איז מײַן אָטעם;
כ׳האָב אין האַריגע־יאָר
מיט מײַן צעשאָסן פאָלק
גענעכטיקט!
מיט אַ נעס פון קייווער
זיך אַרויסגעשאַרט,
געפּלאָגט
און צו דער ערד צוגעשפּאַרט,
האָבן מיך אַרויסגעשפּיגן,
ווי פון אַ ברונעם,
די אַלע גרויליקע שכיטע־וועגן!
כ׳בין מיד און מאַט
נישט פון איין יאָרהונדערט,
איז ווײַז מיר,

לעבן מײַנס, איצט — א װוּנדער:
בארויב נישט דעם טראָפּן רעגן
פון מײַן ערשטן
גרינעם בלאט.

אן אלטע ברעט

מײַן טאַרע־ברעט פלאַמט,
ס'איז צו גלויבן:
כ'האָב זי אַרויסגעריסן
פון יענעם וואַגאָן, וווּ די רויבער
האָבן מיך צום טויט געפירט!
ניטאָ אַזאַ יאַם,
וואָס זאָל זי פאַרלעשן,
ניטאָ אַזאַ ערד,
וואָס זאָל זי פאַרגעסן!
צו וואַסער אַ ברעג
זאָל איך מיט איר שווימען?
אַ שײַטער צעלייגן,
זי פאַרברענען אין פלאַם, —
וועט פון איר אַש
פינצטער ווערן אין הימל.

הײַנט איז ניט נעכטן

שאָקלט זיך מײַן הארץ, ווי אביימעלע,
ווען די פרעסט נעמען עס שטעכן.
גלײַך איך זיך אויס און זאָג צום ביימעלע:
לאָמיר מיט דיר זיך ניט ברעכן,
הײַנט איז ניט נעכטן,
ווען צינדן און שעכטן
געוועזן איז א לוסטיקע שפּיל.
בייגט זיך מײַן הארץ, ווי א ביימעלע,
זאָגט אין דער שטיל:
— מענטש איינער, הײַנט איז ניט נעכטן,
נאָר, פול מיט געפארן, לויערט
באם פענצטער די נאכט,
רוק נעענטער צו דײַן קינדס וויגל,
מיט טויזנט אויגן — די רו באוואך!
דײַן קינד און דײַן גאָרטן
זאָלן פריש זײַן און וואקסן,
פון שאָלעם דאָס גאָלדענע קריגל
אף דײַנע זוניקע אקסל
זאָל אייביק זיך ניט צעברעכן!
הײַנט איז ניט נעכטן.
בייגט זיך מײַן הארץ, ווי א ביימעלע,
זינגט אין דער שטיל.

קווייטן

אמאָל האָט מײַן ווייטעק
צעעפֿנט פֿאַר מיר זײַנע קווייטן,
באַם סאַמע פֿענצטער
געפֿלאַמט און געוואַקסן.
אַרײַן אין זיי מיר פֿלעגן
ביז איבער די אַקסל,
גוט זיך אויסוויינען.
און אליין אויסגעזען,
ווי די רעגנדיקע שויבן
פֿון האַרבסטיקע פֿענצטער.
איצט, ווען געפֿונען
מיר האָבן אַ גלויבן,
האָבן מיר אויך אַ פֿאַרמעגן —
שטיקעלעך זון אין די שויבן,
און ניט פֿון טרערן
קיין גוסרעגן.
קווייטן מיר פֿלאַנצן
אין בערג און אין טאָלן,
ווו ס׳לויפֿט אַ שטראָמיקער טײַך.
מײַנע דו ביסט איצט — אינגאַנצן,
לײַכט זשע מיר, ליבסטע, לײַכט!

א רעגן

װען מע קאָן מיט א זעג
אונטערזעגן דעם רעגן,
אויספלאַסטערן מיט מײַן הארץ
נײַע און בעסערע װעגן,
באַם בוים טאָן א פרעג,
פארװאָס איז ער דאָ אין טאָל —
פון סרייפעס אזוי שװארץ?
פארװאָס מיינט ער, אז שטאָל
איז מײַן מענטשלעך הארץ?
זײַן כאָלעם אלץ נאָך אין שפיגל,
פון דער העל־בלויער זעג,
װאָס אין לײַב זײַנעם קריכט;
די הימלען אין אָזערע, װי אמאָל,
איבערגעקערט ציט׳ריק זיך װיגן;
און דער בוים און איך
באַם טײַך מיט זײַן ליימיקן ברעג.
אונטערן רעגן א שארפע זעג,
װאָס אין כאָלעם זיך װײַזט,
קלינגט אין די אויערן,
די אפּלען פון די אויגן רײַסט!
מ׳דארף נישט, מע טאָר נישט אונטערזעגן
ניט דעם בוים און ניט דעם רעגן.
צוערשט דײַן כאָלעם דײַן הארבן,

ווילדגראָז־קוסטעס, וואָס פאַרדאַרבן
דײַן בלי פון לעבן, ס׳גרויסע פאַרמעגן!
באַם טײַך מיט זײַן ליימיקן ברעג,
אונטערן רעגן א שאַרפּע זעג.

דער טומאַן

ווי דער טומאַן גאַנוועט
באַנאַכט דעם טײַך אַרויס
און די אויגן
באַ אונדז פֿאַרבינדט,
גאַנוועט צו אַלע עפּלביימער
און איבער דעכער קריכט, —
אַזוי אַרויסגעגאַנוועט
האָט איינמאָל מיך
דער טומאַן באַנאַכט,
און אינדערפֿרי צעזייט
האָט אים אַ באַרגיקער ווינט,
און די זון זאַלבעצווייט
מיט מיר האָט פֿון דער וועלט געלאַכט,
צו בלויע ווײַטן זיך געצויגן.
קינדער האָבן די פּיסלעך
אין מיר געפּליושקעט,
מיט שטיינדלעך קאַטשקעס געמאַכט,
און מײַן לעבן
אויסגעזען האָט אַזוי גרויס,
אַז כ׳האָב פֿאַרגעסן,
ווי דער טומאַן גאַנוועט
באַנאַכט דעם טײַך אַרויס;
כ׳האָב נאָר געפּילט,

ווי קינדער האָבן אין מיר
זיך געפּליושקעט,
געהערט, ווי פערד
האָבן בא מײַנע ברעגן
געהירזשעט און געקושט זיך,
געזען נאָכאמאָל מײַן לעבן
מיט אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן.
ווי גליקלעך איז דער טײַך,
ווען דער טומאַן
גאַנוועט אים ניט אַרויס
און פאַרבינדט
בא קיינעם ניט די אויגן.

ווּאַלן פון דער צוקונפט

לויף מיר ניט נאָך, פאַרגאַנגענהייט,
פלי ניט צו פרי מיר אַנטקעגן,
צופיל פאַרליבטע צוקונפט;
היינט כ׳דאַרף, עס זאָל ניט זיין לאַנגווייליק,
די ערד — פריש און דופּטיק!
און איבּ עמעצער דעם עמעס ווי א פלויט פאַרבּט,
קריכט די פאַרבּ אַראָפּ פון ערשטן רעגן.

לויף מיר ניט נאָך, פאַרגאַנגענהייט,
מיט געטאָס, גאַז־אויוונס און טליעס;
איך וואַרט אויף מיין צוקונפט
מיט אירע טיול־געוועבן אויף די אויגן,
נאָר ניט מיט אַראָפּגעלאָזטע פייער־וויעס!

כ׳וואַרט, ניט קיין פרעסט און קיין קעלט
זאָלן מיין הויט אין אָקאָפּעס בריען,
א גראַבּל טאָן זאָל מיט אירע נעגעלעך
מיך די צוקונפט. ס׳האַרץ
זאָל אָנהייבן בא מיר פליען.

ווו ביסטו, מיין לעבן, מיין וועלט?
דו האָסט מיר קעסיידער געררוקט
אין בוזעם אַזויפיל פייגעלעך!

איך וועל זיי אלע איצט ארויסלאָזן —
פאַרן איינציקן שפּערעלע, וואָס שפּרינגט
בא מײַן פֿענצטער פֿון בוים צו בוים.
מײַן הײַנט, ער האָט אַזעלכע פֿליגעלעך
דורכזיכטיקע און ראָזעווע —
און מײַן צוקונפֿט, כ'זע זי קוים!

באם פענצטער

הער זיך איַין, בערל!
קריך ניט
צום רעגנבויגן
מיט דיַין שערל,
מאך ניט מעשוגע די וועלט.
מע דארף איידל
זיַין כאָטש א ביסל,
דו האָסט זיך צום רעגנבויגן
אפן פענצטער געשטעלט
און ס׳הארץ מיר צעריסן,
מיט דער פלייצע
דעם הויכן הימל
פארשטעלט.

פיַיכט,
ווי דער רעגנבויגן,
זיַינען מיַינע אויגן,
איך פארשטיי ניט די וועלט...

קוקט אף מיר בערל.
טרעפט אין מיַין נעשאָמע
מיט זיַין נאָדל־פאָדעם
און פארצויגן

א זעמערל זינגט,
דאָס פֿרעסל צעוויגט.
— צי ווייסטו, בען־אָדאָם,
אַז דו ביסט אין הימל
קעסיידער געפֿלויגן,
און בײַ מיר
אונטערן שערל
דער רעגנבויגן ליגט?

דיביימער זײַנען דען קראַנק?

די ביימער זײַנען דען קראַנק?
דער בלעטערפאַל
צינדט אויף אַן שענסטע טרוימען;
כ'האָב ניט געזען נאָך קיינמאָל
אין פּאַרק אַף א באַנק,
ס'זאָל זיך צולייגן אָפּרוען א בוים דאָ
און עטעמען שווער, ווי איך,
לייגן אונטערן צונג א פּילכל.
די ביימער זײַנען אָסיען־צײַט אויף פול מיט ליכט
און היילן די הערצער
מיט טראָפּנס באַלזאַם פון מילכוועג.
און צו מיר,
ווען מײַן בלעטערפאַל
קומט און פאַרשטעלט מיר אין הימל
מײַן מאַזל־שטערן,
איך אײַל צונויפשאַרן מײַנע לידער,
אין הויף צו מײַן טיר —
זיי זאָלן מיטן ווינט פאַרפאַלן ניט ווערן.
און אליין אינעם פאַרק
כ'לייג זיך צו אַף א באַנק:
מײַן לעבן באַטראַכט און באַדויער שטאַרק,
וואָס ווי שפּעלעך פון א באַרג יאָגן
מײַנע אלע ניט דעריאָגטע טרוימען.

לערנט מיך,ביימער,
בייס גרעסטן בלעטערפאל
דאָס הארץ מייַנס צוימען,
סע זאָל אין דער ברוסט זיך אזוי ווילד
מעסלעסן גאנצע בא מיר ניט שלאָגן.
די ביימער זייַנען דען קראנק?
דער בלעטערפאל
צינדט אויך אָן שענסטע טרוימען.

א ייִד

איך בין אײַך אזוי נוצלעך, טײַער,
אז שמעלצן מיך אין פײַער
איר ווערט קיינמאָל ניט מיד —
גאָלד איז בא אײַך דער ייִד?
אוואדע גאָלד, און זילבער אויך!
מע שמעלצט די קינדער
און די פרויען אויך,
און פינגערלעך, רינגעלעך,
אויררינגלעך פינקלען צעגליט.
צו וואָס דארף צירונג א ייִד?
צו דער כופּע אין הימל
די איינציקע טאָכטער פירן!
איך קען די יוועלירן,
וואָס אלץ נאָך אין גאס שפּאצירן
און לעבן און שטערבן
אפסנײַ מיטן שטיוול צעטרעטן
מײַן פון אויוון געראטעוועט לעבן
און ווידער אין פײַער
צווינגען מיך שפּרינגען.
איר זענט מיר אויך נוצלעך, טײַער.
אָנטאָן מע מוז אײַך רינגעלעך,

פינגערלעך, אויררינגלעך
אין די אייזל־אויערן —
און הענגען איר זאָלט אין שטאָט,
אף אלע טויערן.

* * *

א קינד ווען געבוירן סע ווערט,
איז אין קעפּעלע צום מויעך א טירל אָפן,
מיט א דין־דין הײַטל פאַרצויגן;
דורך אָט דעם טירל דרינגט אַרײַן
דער רויש פון דער ערד,
פון הימל דאָס טראָפּנדל שײַן.
און כאָטש די וועלט אין די אויגן
איז נאָך איבערגעקערט,
קאָן דאָס קינד פונדעסטוועגן שפּירן
די פון אים נאָך פאַרבאָרגענע וועגן,
די מוטער־ליבע און ס׳לעבן,
וואָס רעגט אין אלע אָדערלעך
און געוועבן.
אויך מיט דיר האָט אזוי געטראָפן,
פון קינדווײַז אָן דער מויעך איז אָפן.
ס׳קלינגען פון פרילינג טײַכן,
איז דיר הערן באַשערט
דעם פויגל, וואָס טרעלט
אףביימער, וואָס מיט טרערן
און וואלד זיך לײַכטן.
אז ווען דו טוסט עפּעס אָן אָן א שווערד,
איר גלײַכגעוויכט די וועלט
זאָל צוריק געפינען,

זאָלסט אלץ נישט זען ארום זיך איבערגעקערט,
וואָלט דאָס לעבן
באקומען א זינען
און ווי שטערן אין הימל,
וואָלט דײַן פאָלק זיך געמערט.

א וואָגן אין פעלד

צו פרי דער וועלט
א זײַ־געזונט זאָגן,
וואָס זשע קאַרקעט
נאָך די סאָווע?

ס׳שטײט אינמיטן פעלד
מײַן וואָגן
פול מיט קסאָווים,
און די פערדלעך
אויסגעשפאַנט
דערווײַל זיך פּאַשען,
איידער פּאָרקען
כ׳נעם זיך
אין די קסאָווים,
צו דעם טײַך
איך לויף די הענט
צעוואַשן —
לידער הייליקע
א גאַנצער וואָגן,
פון פלאַם־פײַער
ארויסגעטראָגן.

דורכגעווייקטע
ביט פון רעגן,

פון מײַן בלוט
אַף אַלע װעגן!
װאָס זשע קאַרקעט
נאָך די סאָװע,
אַז עס װעט שװין
מער ניט טאָגן?
מיר דאָס לעבן
זיך פֿאַרלענגערט,
װען איך שפּאַן
די פֿערד אין װאָגן,
זאָג זיי צו
אַן אָס פֿאַרטײַטשן
פֿון געראַטעװעטע
קסאָװים.

מײַן העמדל

אַף אַ שטריק מײַן העמדל הענגט,
כ׳האָב אין טײַך עס אויסגעשװענקט.

זאָל עס טריקענען דער װינט;
אויסגעפּלעקט געװוען מיט טינט?
נישט מיט טינט, מײַן טײַער קינד,
איך שרײַב נאָר בלויז מיט בלויען טינט,
קיינמאָל שרײַב איך נישט מיט רויטן טינט,
און כ׳האָב פײַנט אויך שװאַרצן טינט —
הער נאָר, װאָס סע זינגט דער װינט;

איך פֿאַרשטיי, אַ העמדל הענגט,
ס׳איז װי קויל געװאָרן שװאַרץ,
אָבער, װאָס זשע, זע איך, הענגט
אַף אַ פֿעדעמל דײַן האַרץ —
אויך דען אויסגעפּלעקט מיט טינט?!

כ׳האָב געװאַשן עס, געשװענקט,
נישט אין טײַכן, נישט אין יאַם,
אין מײַנע טרערן, װען געבענקט
כ׳האָב נאָך דײַן נעשאָמע־פֿלאַם;

כ׳וואָלט דאָס לעבן דיר געשענקט
נאָר צו זען דיך אצינד —
אפֿן פֿלויט מײַן העמדל הענגט
און אויך מײַן האַרץ, ווי אפֿן ווינט.

בענקשאַפט

ס׳וועלן רעגנס נאָך זײַן, ווינט און געוויטער,
און מוט וועט זײַן דער איינציקער רעטער,
ניט אין דער שויב — אין מײַן געביין קלאַפּט דער בוים
מיט די צווײַגן, מיט אזא אומרו און ציטער,
אז איך שטיי מיט די פיס אױף דער ערד אײַן קוים...
פארדײַגעט און עלנט ער בענקט נאָך די בלעטער,
און דער וויכער — אלץ שטארקער צעצוימט!
ער איז, ווי מײַן מאמע — איר א ליכטיקן אָנדענק, —
אָט דער אין געוויטערס פאריאָסעמטער בוים,
נאָר אזוי איז די וועלט דאָך באשאפן פון אייביק:
בא מאמעס די קינדער, אין רעמעלעך שווארצע געזוימט,
אױף אלע ווענט הענגען מיט זייער אָפענע אויגן,
זיך אויסגלײַכן, און באבלעטערט וועט זײַן נאָך דער בוים,
נאָר די מאמע אויך זומער מיט צאר איז געבויגן.
נעמט זי און פרווט איר עלנט יאָגן פון איר שוועל,
מיט אלע צווײַגן איר פארבענקטע נעשאָמע ציטערט,
אויב נאָכאמאָל א פײַער וועט נעמען צינדן די וועלט,
איז זי א פארוואָרצלטער בוים קעגן ווינט און געוויטער.

ערשטער טוי

ערשטער טוי אַף דעכער
מײַן הארץ צעגליט,
דער קלאנג פון א שטראל,
וואָס צו דער ערד זיך ציט.

די פארב, וואָס באפאלט
דעם דעמב, ווען ער בליט,
דער געראנגל פון פארבן
בא די קווייטן אין פעלד,
צי קען איך שטארבן,
פארלאָזן די וועלט?..
ערשטער טוי אַף דעכער,
און ס׳קלינגט מײַן געמיט,
וואָס שטילער, אלץ העכער
זינגט ס׳לעבן די ליד.

„פּאָזשאַלוסטאַ"

ווו ערגעץ א קאזארמע,
פארבלאָזן מיט ווינט און קעלט,
בין איך, מאמע,
אין קאראול דאָרט געשטעלט!
„פּאָזשאלוסטא"!

ווו ערגעץ א שפּיטאָל,
וואָס דער סוינע צינדט, באשיסט,
ליגט דאָרט דײַן קינד
אפן אָפּעראציע־טיש,
ליגט אונטערן מעסער, ווי א רינד!
„פּאָזשאלוסטא"!

ווו ערגעץ א טראנשיי,
וואָס מיט סנאריאדן
און טאנקען — מע פארניכט,
מיך דאָרט געפינ, אין שניי,
כ'בין פון דער ערד א שיכט!
„פּאָזשאלוסטא"!

דערפאר אזוי טײַער
מײַן טאָג איז מיט ליכט
און זון־געוועבן;

איך האָב דאָך מאמעש פון פײַער
דיך אף די הענט
ארויסגעטראָגן,
מײַן, ווי א ציג פארבלאָנדזשעט
צו מיר, נאריש און האָפערדיק לעבן!
„פאָזשאלוסטא”!

א שטעטל

וואָס הוידען זיך
די שטיבעלעך פון מײַן שטעטל אזוי
אין פרימאָרגן־בלוי?..
צי איז עס א קארוסעל
אין אן אָוונט־פּארק,
צי בא מיר דער קאָפּ
דרייט זיך שטארק?
און פאר די אויגן — ציגן,
ציגן,
מיט ווײַסע ציגן
פארוויַסט די ערד,
הערנער און בערד
אינמיטן מארק
אויסטערליש זיך וויגן.
זיי ווארפן אָן א שרעק
מיט זייער פארשטאנד.
וואָס האָבן זיי, די ציגן,
טאָן געקאָנט,
ווען דאָס שטעטל
איז שטארבן אוועק?..
איין לעבעדיקע פרוי
פון טויזנט מישפּאָכעס
איז לעבן געבליבן.

אפן שליאך
איר ווײַסער קאָפּ,
צווישן א סטאַדע ציגן,
ז׳ערגעץ געשוווּמען
מיט צעלאָזטע צעפּ,
זי לעבט,
זי לעבט! —
א קאָל זיך הערט.
נאָר ס׳רעוועט און מעקען
די אין שטעטל
פאַריאָסעמטע ציגן,
אַז סע שפּאַלט זיך די ערד.
איר האָט אף א גראָשן
כאָטש פאַרשטאַנד,
וואָס בענקשאַפט
הייסט בא היימלאָזע ציגן? —
זיי פאַרשטעכן
אין הימל די הערנער,
ווי שווערדן,
צי זיי דאַנקען
דעם גרויסן ציגן־באָק
פון ציגן־לאַנד,
וואָס אין איינעם א טאָג
א האַרבסטיקן
בא די גריבער
מ׳האָט זיי ניט צעשאָסן?
צוליב וואָס די פּראָטים?
ציגן אָן א מאָגנדאָוויד,
אָן א געלער לאַטע —
אין ברונעמס
ניט וואַרפן!
סײַדן די הערנער,
ווי שווערדן,
זיי שאַרפן —

און ווערן אין ציגײַנער,
אין יודן פארוואנדלט.
איין פרוי
איז אין שטעטל
לעבן געבליבן,
רעדט זי צו די ציגן
מיט דער נעשאָמע אזוי:
אײַך ניט געפירט
מ׳האָט צו די טאָפּקעס
אף טאַטשקעס,
אײַך לעבעדיקערהייט
ניט געברענט.
ווי אף א כאַסענע,
מיט געבעקס א בעקן
אף די הענט,
ארויס זי איז צו די מעכוטאָנים,
צו דער סטאַדע ציגן —
און די אומגליקלעכע ציגן
קוקן מיט פארנעפּלטע אויגן
דער פרוי אין פּאָנעם,
מיטפילנדיק,
מיט די קעפּ זיי וויגן,
אירע הענט זיי לעקן,
ווי זיי וואָלטן מיט זאַלץ
געוועזן באַשאָטן,
פון יאם ארויסגעצויגן.
ציגענע אויגן,
ווי זיי האָבן מײַן נעשאָמע צעטראָטן,
אין אָט דער סטאַדע ציגן
איך זוך מײַן מאַמעס,
מײַן שוועסטערס,
מײַן טאַטנס,
מײַן ווײַבס
און מײַן קינדס שאָטנס.

טויזנט מישפּאָכעס
אין איין קייווער ליגן,
דער מערדער
ניט אומגעבראַכט
האָט קיין ציגן.
צוגן מיט געווער
צום פראָנט זיך וויגן;
איבער די רעלסן
בלאָנקען איינזאַמע ציגן.
א ליגן,
א ליגן!
אז ניט אָפּגעשטעלט
דעם צוג מע האָט —
און איבערגעפאָרן די ציגן.
א ליגן,
אז דײַטשישע אָפיצערן
האָבן די ציגן
ניט געמאָלקן,
זיי האָבן אפילע געמאָלקן
איבערן געקוילעטן
שטעטל די וואָלקן.
זיי האָבן די ציגן
אין פּאַרצעף ניט געשפּיגן,
אָף טליעס ניט געצויגן;
אינמיטן פּוסטן שטעטל
די לעבן געבליבענע ציגן
ליגן
מיט פאַרטײַעטע אויגן.

וואָס הוידען זיך
די שטיבלעך פון מײַן שטעטל
אזוי,
אין פרימאָרגן־בלוי?..
דאָס האָבן ציגן די שטיבלעך

אף די הערנער געגומען
און צו מיר,
אומגעבעטן,
אין מײַן טראַגישער ליד
אַרײַנגעקומען.

פאַרבן

נישטאָ קיין לידער, בין איך נישטאָ.
זאָל כאָלילע נישט קומען
די בייזע שאָ,
דאָס וואָרט זאָל מיר אופהערן
אונטערן הארצן ברי‏ִען
און פלאָנטערן זאָל איך
די פארב פון זון־אופגאנג
מיט דער פארב פון שקי‏ִע.

אָ, ווי טויב איך ווער צו דער
אייביק קראקענדיקער קראָ,
אז איר געשענקט האָט גאָט
די פליגל צום פלי‏ִען?..
נאָר איך בין דאָ און די ליד איז דאָ,
מיש איך נישט די פארב
פון זון־אופגאנג
מיט דער פארב פון שקי‏ִע.

אזא ליד

כ׳האָב ליב טיפּאָגראַפישן שריפט!
גרייט צאָלן מיטן העמד,
מײַנע לידער זאָלן זיך דרוקן —
מײַן צווייפל אין טיפן זין פון לעבן
שטאַרבט,
ווען מיט פאַרכידעשטע אויגן
אויף מיר זיי קוקן.
טו אָבער א קוק אפן דעמב —
זײַן שריפט און דאָס לאָשן
איז אזוי הארב
און לייענען איז שווער יעדער
קאַרב.
וועגן ליבע ער טראַכט,
צי וועגן טויט?..
ער שרײַבט נישט, ווי מיר, אף פאפיר,
ער שרײַבט אף זײַן הויט.
ער דאַרף נישט קיין טיפּאָגראַפישע
פאַרב —
אים דערלאַנג א הימל
מיט א לויטערן באַגינען,
מיר — די ערד,
איך זאָל זי טראָגן אין די הענט,
ווי א קויש אפּעלסינען.

מעטאפּאָרן

הירש בעריאָזקינען

ווער איז דער גרויסער יוועליר,
וואָס שמעלצט פון וואָרט מעטאפּאָרן? —
אָן זיי איז טישעבאָוו בא מיר.

ניטאָ אין דער וועלט אזא יוועליר,
אלע מענטשן אף דער ערד —
קיין טאָג ניט לעבן אָן מעטאפּאָרן.

ווי אָרעם און פינצטער דאָס לאָשן
זאָל ניט זײַן, פענצטער דארפן מיר,
גלעזן מיר זיי אָן מיט מעטאפּאָרן.

גייען מיר אין ווינקעלער,
אלטן ווײַן פון פעסער צאפּן מיר!
שפּרינגען, ווי פייגעלעך, די מעטאפּאָרן.

פאנגען מיר פיש אין יאם,
די וועגטקעס פארווארפן מיר —
הענגען אף די האטשיקלעך מעטאפּאָרן.

פול איז די וועלט
מיט מיליאָנען מעטאפּאָרן,

ניט די פעל, נאָר דאָס פיקסעלע
א לעבעדיקס דארפן מיר.

האָבן מיר ליב, און דאָס הארץ
א פילסטרוניקע הארפע ווערט,
שענקען מיר דער פרוי לידער
און א שארפעלע פון מעטאפאָרן.

נאָר ניט פארטונקל קיינמאָל די זון
מיט פאלשע אויסגעלאָשענע מעטאפאָרן,
ס׳נעמט אין א קעלט ווארפן מיך —
און שטארבן איך קען דערפון.

ברענג מיר, מײַן זון,
א וועגעלע פרישע מעטאפאָרן.

בא דער הויכער בריק

גיי ארוף אף דער הויכער בריק,
פונוואנען די לעוואָנע
וויל זיך אין טײַך ארײַנוואַרפן,
זאָג איר: אנטוישן זיך מע דארף נישט,
אויב לאנגזאם קומט דאָס גליק,

זאָג איר, אז צווישן וואָלקנס
בין איך אויך א ליכטיקער טראָפּן
און נישט אלעמאָל גרינג איז מיר מײַן וועג;
כ׳קאָן שפּרינגען פון דער הויכער בריק,
דעם קאָפּ אין א שטיין זיך צעקלאפּן,
סע זאָל פינצטער נישט זײַן דעם בוים,
וואָס בליט דאָ באם ברעג...

א צווײַג

כ׳בין געווען אן אײַנגעבראָכענע צווײַג,
קיינער האָט מיך נישט אונטערגעבונדן;
אין הימל האָבן די שטערן געשטרײַקט,
קיין איינער האָט זיך נישט אָנגעצונדן.
ס׳איז שוין געווען מײַן סאָף קימאַט,
דער ווינט האָט שטיקער געשונדן,
איז דורכגעגאַן באַם בוים
א רוס, א פּראָסטער סאָלדאַט,
און האָט מיט זײַן בליק מיך איבערגעבונדן,
גרינט אף מיר ווידער דער ציט׳ריקער בלאַט,
און די שטערן אין הימל שטרײַקן נישט מער,
זיי האָבן ביז איינעם זיך אָנגעצונדן.

א לעמעלע

האָבן אלע געמיינט, מ'האָט א לעמעלע געפּאקט —
ס'לעמעלע מאכט: מע... מע!
איבערן קאָפּ די האק —
און ס'לעמעלע מאכט: מע!

א קוטשעראווע פּעלכל, און די ביינדעלעך,
ווײַזט אויס, געשמאק?
נאָר גיי, פארשטיי דאָס לעמעלע,
ווען סע הענגט אף דעם די האק.

נעמט עס און א וואָלקן ווערט,
נאָר פּלוצעם זיך פארשטעלט —
א רעגן שיקט אראָפּ צו דר'ערד,
צוואָגט און וואשט די וועלט.

אזוי קויטיק דען די וועלט אצינד,
וואָס א דריטן מאבל וויל? —
נאָך דעם וואָלקנדל ס'יאָגט א ווינט
און הארב מיט דעם זיך שפּילט.

נעמט עס און א רויך סע ווערט,
די אויגן עסט אונדז אויס,
מע זאָל נישט זען, ווי אף דער ערד
מע שעכט איצט קליין און גרויס!

נעם בעסער פלי אראָפּ צו דר'ערד,
ווי ערשטער רייַנסטער שנייִ —
צוריק א לעמעלע מיר ווער
און שטיל באַם פלויט זיך שטיי!

באַ וועלכן פלויט, אף וואָסער שטריק —
ס'איז מיר נישט אלציינס;
איבערן קאָפּ א וואָלקנדל זיך וויגט,
מייַן טייַער לעמעלע, מייַן ריינס!

ווינטער

ליגט דער נאַר אין טינטער,
און דער כאָכעם פון אויבן איז;
ס׳איז אין דרויסן ווינטער —
און דער כאָכעם האלט
א געפרוירן בלעטל אף דער שפּיז.
כ׳האָב מײַן הארץ אזוי געהאלטן,
דורכגעשטאָכן, ווי א בלעטל —
ביז אריַנגענאַרט דעם כאָכעם
איך האָב אין טינטער —
און דער נאַר פון אויבן איז
געבליבן אף די זעקס כאַדאָשים ווינטער.

עפּשער וועט ער ווי־ס׳איז
זיך אן אנדער וועג אויסטרעטן?
ביטער איז דער גוירל פון פּאָעטן,
ווענענס לעבן הענגט ווי א בלעטל
אף א שארפער שפּיז...
טרעפט אָבער א שווערער ווינטער,
סײַ דער נאַר און סײַ דער כאָכעם —
ביידע ליגן אין טינטער.

אין גאָרטן

לאָזט מיך צורו!.. לעבט אײַך
א טאָג א שיינעם.
און מיך לאָזט איניינעם
זײַן מיט די אף דער ערד,
וואָס האָבן פרילינג
דעם דונער דערהערט,
הארבסט געזען פרישן שניי
בא אלע שוועלן זיך שפרייטן,
און צום טיש זיך נישט געזעצט,
צו ברויט און ווײַן,
ווען ס'האָבן אין גאָרטן
געוויינט די קווייטן...

צי קאָן איך שטארבן?..

צי קאָן איך שטארבן,
פארלאָזן די וועלט
בייס דעם גערעאנגל פון פארבן
בא די קווייטן אין פעלד?
די פאפירענע שיפן,
וואָס אין הימל מיר לאָזן,
די ווינטן, וואָס בלאָזן
און שטארקער ס'פײַער צעבלאָזן
פון מײַן נישט כאָרעוו געוואָרענעם ליד.
צי קאָן איך שטארבן,
פארלאָזן די וועלט
בייס דעם געראנגל פון פארבן
בא די קווייטן אין פעלד?
איך אליין בין פון פארבן —
און סע קלינגט מײַן געמיט
מיט דעם קלאנג פון א שטראל,
וואָס צו דער ערד זיך ציט;
וועסט קיינמאָל נישט שטארבן,
ווײַל אלעמאָל לעבסט אין פרישע פארבן —
ווי דער מעכטיקער דעמב,
וואָס אף פעלד דײַנעם בליט.
און אויב כאָלילע (ס'קאָן טרעפן?)
א שאָטן דײַן לעבן פארציט,
אלע פענצטער אין דײַן נעשאָמע צעעפן —
און לעב אין דעם ליד.

א בוים באם פענצטער

כ׳האָב אָנגעהויבן מײַן לעבן בויען
און אלץ געהאַט אונטער די הענט:
די שטײנער פון הארצן פאר ווענט,
פון מײַנע אויגן דעם טרויער
אף גלאָזן צו ווינטער די שויבן.

כ׳וואָלט זיך אליין דאָ געפלאנצט,
ווי א בוים באם פענצטער. די טויען
פון צווײַגן זאָלן פאַיען
און שטארקן מײַן גלויבן;
וויגט מיך א ווינט — און דער הימל ברענט,
און ס׳ציטערן נאָך אלע שויבן.

צו מײַן אקטריסע

ווידער, מײַן פייגעלע, אין וועג?
אוי, דײַנע גאסטראָלן!
און איך גאנצע נעכט און טעג
ווער אין מײַנע לידער פארפאלן.

סע זעגט מיך, ווי דעם בוים די זעג.
בא אלע מענטשן אין דער וועלט
איז דאָס מאזל אין דער היים,
בא מיר — קעסיידער אף גאסטראָלן.

בא מיר פון צאר דער בעניפיס,
די קאסע ליידיק איז אינגאנצן.
וואָלט איך געקענט זײַן אן ארטיסט,
דער גרים אף מײַן פּאָנעם זאָל גלאנצן,
וואָלט איך געלעבט,
ווי גאָט אין אָדעס.

כאָטש אז אָך און ווײ איז צו זײַן לעבן —
דער אלטער גאָט גייט אום, ווי א מעס,
אף רישעליעווסקע דאָרט,
מע שיט אף אים פּעך און שוועבל!

אזא ספעקטאקל האָט ער געשטעלט,
און איך באדארף איצט צאָלן.
בא אלע מענטשן אין דער וועלט
איז דאָס מאזל אין דער היים,
בא מיר — קעסיידער אף גאסטראָלן.

* * *

כ׳ווין ניִשט, הייסט נישט, אַז כ׳וויין נישט —
די טרערן זײַנען אָפּגעלאָפֿן,
און דאָס האַרץ איז אַזוי פֿאַרשטיינערט,
אַזאַ צאָרע האָט געטראָפֿן...

כ׳זיץ און וויג אַ ליידיק וויגל,
שטויס אָפּ פֿון זיך מיט צאָרן,
אַ ביסל רויִק איז מײַן קינד געוואָרן,
קאָן אַ מענטש דען רויִק פֿאַרוויגן?

מאמעלאַשן

מיר אומגעקערט מײַן יוגנט,
וואָס איז אוועקגעפלויגן,
האָבן דײַנע שיינע אויגן.
איך זע, ווי ביימער גרינען,
איך הער, ווי גראָזן וואקסן,
איך פיל, ווי אױף די אקסל
אין אָט אזא באגינען
טראָגן כ'קען די גאנצע ערד —
האָסט אלץ מיר אומגעקערט:
די פרישקײַט פון די וועלדער,
די ברויטן פון די פעלדער,
די צוגן און די שיפן,
דעם הימל אונדזער טיפן,
וואָס וואָלקנט זיך נישט מער.
אָ, נאָך די רעגן־שלאקסן
איך פיל מײַן אייגן וואקסן,
איך קאָן טראָגן אױף די אקסל
די גרויסע, יונגע ערד!
דו האָסט אלץ מיר אומגעקערט:
מײַן ליד אױף מאמעלאַשן,
וואָס ווערט קיינמאָל פארלאַשן,
די שטערן, נאָך פיל טרערן,
וואָס לויטערער אלץ ווערן,
מיך האָט פרײַלינג דורכגעשאָסן.

בא דײַנע אױגן איך שװער —
איך הער מײַן אײגן װאקסן,
איך קאָן טראָגן אױף די אַקסל
די גרױסע, יונגע ערד —
האָסט אַלץ מיר אומגעקערט.

דער רעגנטראָפּן

דער רעגנטראָפּן אַף דער שויב פּליסט
צום ראַנד פון איר ראַם.
דאָ זײַן לעבן ער שליסט
נאָכן איבערשווימען זײַן בלויען יאַם...
געלעבט, ווײַזט אויס, נישט אומזיסט,
אַז אַ רעגע פאַר זײַן פאַרגיין
מיטאַמאָל אַפן גלאָז געבליבן שטיין,
אַ פינקל געטאָן צו דער זון אַזוי שיין
און באַדאַכט זיך פאַרקלערט:
ווער געלעבט פון מיר האָט ריינער?..
ער איז אויסגעגאַנגען
מיט אַ ווונק צו דער ערד,
אַזאַ דורכזיכטיקער ווי קיינער.

מײַן טאַטן

נאָכדעם, ווי איך האָב פאַרלוירן מײַן טאַטן —
האָב איך נישט קיין טאַטן;
ווילט זיך אָבער מיר זען מײַן טאַטן,
צינד איך א לאָמפּ אָן און דערזע אף דער וואַנט זײַן שאָטן.
דאכט זיך מיר, אַז עפּעס שרײַבט זײַן האַנט,
זײַן געלבלעכע און דאַרע:
— זון מײַנער, אויב דיר איז קאַלט,
מיט דער געפרוירענער ערד זיך וואַרעם!
זון מײַנער, אויב נישט פאַרשטילט
נאָך אַזויפיל שכיטעס און סרייפעס דײַן ווײי —
טונק זי, דײַן ווונד, אין קלאָרן שניי!
זומער רײַס אָפּ פון בוים א גרינינק בלעטל,
קעדיי די היץ זאָל דיך אַזוי נישט פּלעטן.
שיק דײַן בליק צום וואָלקנדל מיט הימל־ראַנד,
זײַ, ווי האָגל־אײַז קלאָר
און פראָסט, ווי א זעמדעלע זאַמד,
שטײ ווי א קרענעצע אויף פריש אין פעלד
צי אין דאָרף —
און וועק אויף פון שלאָף
יעדן דרעמלענדיקן דעמב אין דײַן פאָטערס לאַנד!
— אַנטלויף נישט, — בעט איך מײַן טאַטנס שאָטן, —
איך האָב זיך שוין דערוואַרעמט מיט דער ערד,
די ווונד מיט שניי פאַרשאָטן,

דאָס אויג געשיקט צום וואָלקנדל באַם הימל־ראַנד,
ווי א קרענעצע געשטאַנען. און דעם דעמב
אופגעוועקט אין דײַן מיט אלע טויטן געפּרוווט
גיבוירים־לאַנד,

געווען, ווי האָגל־אײַז קלאָר
און ריין, ווי א קינדערישער טרוים;
נאָר דאָס גרינע בלעטל אָפּרײַסן פון בוים —
ניין, טאַטעניו, ניין!
דאָס קאָן איך נישט. איך האָב דאָך דײַן האַנט!

מײַן מאַמען

װײ איז מיר!
צװישן קיִעװ און אומאַן
ליגט מײַן מאַמע.

װײ איז מיר,
דאָרט בליט אַזױ הױך ס׳פעלד
און די קרענעצעס לױטער פלאַמען,
אַז גאָרנישט באַװײנען
בין איך געקומען
מײַן מאַמען.
װײ איז מיר, בא מײַן מאַמעס קײװער
האָב איך זינגען גענומען,
װײַל כ׳האָב אַזױ ליב דעם װעג
צװישן קיִעװ און אומאַן.

פרילינג

דאָס אָפענע פענצטער איז עפענען שווער;
עפענען וויל איך מײַן פענצטער מער.
כ׳האָב הימל אין פענצטער און כ׳האָב ניט די טרער,
וואָס מאכט ס׳הארץ געזונט און גרינגער;
דערפאר איז מיר שווער,
ווען אין מײַן פענצטער פייגעלעך זינגען.
א ווײַן געטאָן וואָלט איך פון גליק און פון צאר,
וואָס אין פענצטער הייבט ווידער אָן טאָגן
און וואָס אוועק שוין, דאכט, דאָס גרויסע געפאר,
כ׳זאָל ווערן א פינפטע ראָד צו א וואָגן.
דאָס אָפענע פענצטער איז עפענען שווער,
מײַן פענצטער עפענען וויל איך.
דער פרילינג וועט לײַען פאר מײַן הארץ
א לויטערע טרער — און איך מיט א בלאט
וועל די אויגן אויסווישן באם פרילינג.

דער קוימען

מײַן האלדז — דער קוימען,
דורך וועלכן די נעשאָמעס
זײַנען צום הימל געפלויגן, —
פון טויזנטער פארברענטע דער אש
האָט הייס זיך אומגעקערט
צו מײַנע אויגן!

זיי ניט מיט טוי איך וואש,
נאָר מיט טרערן און בלוט
פון אייגענע טאטע־מאמע.
און אויב איך לעב,
איז נאָר ווי א קלאָלע
פאר די אלע, וואָס טרוימען,
מײַן האלדז זאָל ווערן
נאָכאמאָל א קוימען.

א גאָלדענער גערשטן

זעץ זיך, מײַן ווײַב, אױף א פליגל צו מיר
און האלט זיך אָן בא מײַנע אויערן,
מיר וועלן איצט פליִען מיט דיר
דורך די רעגנבויגן־טויערן.

קומען אהין אין די בערג,
ווו הימל און לידער נאָר הערשן.
פון פרייד וועסטו לאָזן א טרער,
גרויס ווי א גאָלדענער גערשטן.

דודעלעך, פויקן, טענץ אלערליי
וועלן באשײַנען דײַן קומען,
וועסט אויסטאָן פון זיך דאָס גארטעלע ווײַ
און אויסזען אליין, ווי דער זומער.

פרידלעכע הימלען און פון לידער א שנײ,
און אָפן, מײַן לעבן, פאר אונדז אלע טויערן,
זעץ זיך, מײַן ווײַב, אױף א פליגל צו מיר
קעגן די וואָלקנס, וואָס לויערן.
און טאָמער, כאָלילע, וועל איך אראָפּ פון וועג,
טאָ דריי גוט מיר אָן די אויערן.

אין שאָטן פֿון

דער רוסישער דעמב

דו מעכטיקער רוסישער דעמב!
ניט קיין הארץ — א נעשאָמע אונטער דײַן
קאָרע־העמד.
מיך, דעם פון דאָר־דוִירעס געוואָגלטן,
באשיץ אונטער דײַנע צווײַגן די וואָגיקע.

לערן מיך מיט א צווייענדיקער קראפט
מײַן בלי און מײַן טרוים פארהיטן,
ווען די זעג טוט א בליץ מיט איר שארף,
מײַן לײַב זאָל ניט טאָן קיין ציטער.

דו מעכטיקער רוסישער דעמב!
פון וואָרצל ביז דער קרוין מיר ניט פרעמד.
מיט דײַן יעדן גרינעם בלאט איך אָטעם.
גיס אָן מיר דײַן לעבנס־קאָס ביזן ראנד.

איך האָב דאָך ניט קיין צווייט פאָטערלאנד!
היל אײַן מיך אין דײַן קילן שאָטן.

היים

ווען אומגעפאלן אף מיר איז גאָר די וועלט
און די שטוקאַטורקע האָט געגומען זיך שיטן,
האָט א ליד מיר אין האלדז זיך געשטעלט,
ווער וועט מײַן היים פון אומקום פארהיטן,
דעם בוים אין גאָרטן מײַן צעבליטן?
און כאָטש דאָס לעבן האָט דעמלט געשפילט
מיט מיר אין באהעלטערלעך און אין זשמורקעס,
האָב איך געשווירן דעם בוים און מײַן היים,
אז איך אליין וועל ווערן די ציגל און ליים
און ניט פאלן וועט אף מיר גאָר די וועלט,
און ניט שיטן וועט מער זיך די שטוקאַטורקע.
קום צום בוים, צו מײַן היים, ווו איך וווין,
וועסט קיין פאכעד פאר די וועגט מער ניט פילן —
איך אליין בין דער וואָרצל פון בוים און די קרוין,
און אין זשמורקעס זיך שפילט דער פרילינג.

הײַנט באנאכט

הײַנט באנאכט
האָט מען מיך שיסן געפירט,
דאנקען גאָט, וואָס אין כאָלעם;
א טאנקיסט
מיט אן אופשריפט
אף זײַן שליעם: „שאָלעם"
האָט מיך ביז טרערן גערירט.
מיך שיסן ניט געלאָזט
אפילע אין כאָלעם,
גאנץ רוסלאנד דורכגעשפאנט
האָב איך בעשאָלעם —
און ניט אומזיסט
מײַן רעטער איך דאנק —
און שוין ניט אין כאָלעם,
מיט א גרין צווײַגל אין דער האנט,
איך קריך צום טאנקיסט אפן טאנק.
און ער אין שליכעס
פאר ליכט און שאָלעם,
פאָרט ניט איבער מײַן כאָלעם.

בא א בוים

איך האָב אין וואלד בא א בוים
א גרוב אויסגעגראָבן
און אויסגעשאָטן א זעקל טרערן,
מײַן פערד אײַנגעשפאנט
מיט א גאָלדענער צוים
בא דער שײַן פון מאָרגנשטערן.
געקראַקעט האָבן אפן בוים
אזויפיל שווארצע ראָבן,
ווען איך האָב אין וואלד בא א בוים
מײַן טרויער אף אייביק באגראָבן.

שטרוי

אין יעדער מילכאָמע איז אזוי —
מע רוקט מענטשן אין פײַער, ווי שטרוי.
אין פעלד שטייען סטויגן שטרוי,
דאָרט דערשיסט מען דײַן קינד און פרוי.
שלאָפסט אין דאָרף אין א שטאל,
א געדעקטע מיט שטרוי,
אין די אויגן שטעכט די שטרוי.
אָ, ברעך זיך ניט, מײַן לעבן, אזוי,
אָ, פאל ניט, ווי א סנאָפּ פון שטרוי.

* * *

די פייגעלעך פּיקן מײַן פענצטער און פרעגן,
אונטער וועלכער סטריכע זיצן זיי מעגן? —
ס׳טאָרן קינדער ניט שטיין אונטערן רעגן,
קאָן זײַן, אז גיפטיק זײַנען די טראָפּנדלעך רעגן!

ווער פלעגט עס אמאָל אזוינס פרעגן,
צי סאמט ניט די ערד זיך מיטן רעגן?..

געדענקסט אין דײַן קינדהײַט די הענער־געשלעגן,
די פרישקײַט פון גאָרטן נאָך א ווארעמען רעגן?
באָרוועסע קווייטן טראָגן בעכערלעך ווײַן אנטקעגן,
ס׳פּארכלינעט א בוים זיך מיט א פול מויל רעגן.
אלע רינוועס געוועזן זײַנען מײַן מאמעס פארמעגן,
אויסכאפּן זי פלעגט מיט אלע קיילים דעם רעגן...
אפילע א לידעלע אזא זינגען מיר פלעגן
באם לאָזן די שיפלעך אונטערן רעגן:
„גאָט, גאָט! גיב א רעגן,
פאר די קליינע קינדערסוועגן”...

אוי, ווען ניט אויספאלן פלעגט אמאָל קיין רעגן,
טויזנטער פויערים מיט טאָרבעס אף די וועגן...
„געשעם” פלעגט זינגען מײַן טאטע, בעטן אף רעגן!
די באָרד פול מיט טרערן, ווי טראָפּנדלעך רעגן.

אוי, אין גאָרטן אין פֿײַכטן ניט קיין העגער־געשלעגן,
דאָס באַהאַלטן מאַמעס די קינדער פֿון גיפֿטיקן רעגן.
צי דען אָפּגעסאַמט האָבן מענטשן דעם רעגן
און גייען פֿאַמעלעך דעם טויט אַנטקעגן?

איך וויל ניט באַהאַלטן מײַן קאָפּ פֿון דעם רעגן,
דער הימל איז מײַנער און מײַנער דער רעגן!

דער סאָלדאַט און דער מאַלכאַמאָוועס...

איך האָב מיטן מאַלכאַמאָוועס
געטרונקען טיי פון איין קעסעלע.
מיר האָבן אין פעלד געזאָטן שניי,
ביידע אין טיפן אָקאָפּ געזעסן.
די טיי געמישט מיט דער שפּיז,
געוואָלט, זי זאָל ווערן זיס,
אין אָט דער ניט זיסער נאַכט
פאַרן גיין אין ביטערן שלאַכט!
זאָל מיט זיסער טיי
זיך אָנטרינקען צו זאַט,
דער אין אײַז און קעלט,
פון גאָר דער וועלט
אָן אָפּגעשיידטער סאָלדאַט.
מײַן מאַלכאַמאָוועס געווען איז ווײַס, ווי שניי,
געציטערט, ווי שפּעט אין האַרבסט אַ בלאַט.
כ'האָב אים אין דער פּלייצע געשטויסן:
— אשמעדײַ!
רוק ניט אַרויס דעם קאָפּ אין דרויסן!
שלאָף איבער אין גרוב די נאַכט,
ביז איך וועל פאַריאָגן
פון מײַן פאָטערלאַנד
דאָס געפאַר אין שלאַכט...

האָט ער א שאַרפֿע, קרומע קאָסע —
אין זײַנע ביינערדיקע הענט גענומען
און מיט מײַסים איבערפֿולט אַלע גריבער.
ער איז אָבער אַפֿן פֿעלד געבליבן,
און איך בין צו דיר
אַהיים געקומען.

א בריטשקע פארן עמעס

מײַן מוזע געעפנט
אין הארץ האָט א קוזניע,
צווײ קאָוועלעס
באַם פײַער אזוי ווי די שײדים,
אײנער קאָוועט
פארן עמעס א בריטשקע,
ער זאָל מער
ניט ליגן צעבלוטיקט
אונטער די רעדער.

זײַן האמער
דער צווײטער צעוויגט,
ער קאָוועט אן אײַזערנע וויג,
אלע מענטשלעכע צאָרעס
וויל ער פארוויגן.
ניט ווײַט
פון דער קוזניע
אן אויסגעשפאנט טײַכל
דאָס מײַסעלע שטריקט,
און א ווינט
טראָגט אוועק מיך
אין א לויטערער וועלט
אף די פליגל.

שטאַרבט מײַן צווייפל

מײַן פרײַנט דעם סקולפּטאָר
פייסעך קריוואָרוצקין

שאַרט זיך אַרײַן אין האַרץ דער באַגינען,
פיל איך: מײַן צווייפל שטאַרבט.
לעבן האָט דאַפּקע יאָ אַ זינען,
אויב דו האָסט אין עמעצל פאַרב.

אַ מענטש וועט אַמאָל דײַן לײַוונט געפינען,
און די צײַט קאָן פאַרמעקן דײַן געזיכט.
ער וועט זיך מיִען ביז אַראָפּ פון זינען,
קעדיי ווידער אָנצינדן אין דײַנע אויגן ליכט.
און דעמלט מײַן צווייפל שטאַרבט,
צי בין איך אומזיסט אויף דער וועלט געבאָרן? —
איך האָב אויסגעפילט מײַן מענטשלעכע פליכט.

נעם אַראָפּ פון מײַן געזיכט שיכט נאָך שיכט.
און איך האָב פאַר דוירעס קיין טראָפּן ליכט
פון מײַנע אָפענע אויגן ניט פאַרלאָרן!

די ווערבע

פון שטאַרקן האָלץ אַ ווערבע
פאַר מײַן געליבטער כ׳שניץ,

דאָס מעסער אין די הענט מײַנע
דעריאָגן קען אַ בליץ.

אַ האַלב נאָך ניט פאַרענדיקטע —
עס שמעקט פון איר שוין יאַם,

אוי, ווערבע, זאָלסט ניט בענקען
נאָך דײַן גרינעם שטאַם.

אַף דיר ערגעץ אין וואַלד דאָרטן
געווען אַמאָל אַ נעסט,

האָסט ווונדן — אין די וואַסערן
זיי אָפּלעשן דו ווערסט.

און מיט דער וועלט זיך שפּילן
קאָנסט ווידער זיך פאַרשײַט,

„אהוי!“ פון ברעגן אָפּגעגאַן,
אַ וועג פאַרויס דו שנײַדסט.

כאפּט אוף אין יאַם אַ סריפּע זיך
צי גאָר אַ שטורעמווינט,

באַנאַנד מיט דיר אין שיפּל
מײַן געליבטע שווימט.

פֿון איר, זײַ גוט, זאָלסט אָפּטרײַבן
די וואַסער־בערג אין וועג,

אַ האַלבע וועלט מעגסט וואַנדערן,
נאָר זי מיר ברענג צום ברעג.

דער מענטש

איך האָב דאָס פעלד געזייט,
און דער הונגער איז מיט א שטעקן מיר נאָכגעלאָפן.
איך האָב מויערן געבויט
און אף הוילן שטיין אין גאס געשלאָפן.
איך האָב קליידער גענייט
און אָנגעטאָן קרוע־בלוע געגאנגען.
איך האָב שטערן אין הימל אנטפלעקט,
און די נאכט איז אף מײַן קאָפּ געהאנגען.
איצט פון זון און צווײַגן
דער פרילינג א דאך מיר פלעכט.
מײַן רײַכטום, מײַן לעבן איך בענטש.
טויזנטער יאָר גערופן מען האָט מיך פארשאָלטענער קנעכט,
מײַן עמעסער נאָמען איז — מענטש.

דער שנײַדער

שנײַדערל, שנײַדער,
נעם דאָס שטיקעלע קרײַד
צום שטערן
און טו א טראכט —
ווערט פונעם טײַערן וואָל
פאר מײַן ווײַבעלע ווערן
א קלייד
א פּראכט!
— ס׳איז דאָך קיין וואָל ניט, —
דאָס שנײַדערל זאָגט, —
ס׳איז דאָך דער וואָלקן,
וואָס אין הימל זיך טראָגט...
שנײַדערל, שנײַדער,
די שער נעם ארויס,
די מאָס צי אויס,
געבראכט
כ׳האָב די סכוירע די בעסטע...
— איך בין שוין א שנײַדער
פערציק יאָר,
גרוי שוין געוואָרן
אפן קאָפּ מײַנע האָר,
איך האָב נאָך אזוינס ניט געזען,

— מע זאָל וואָלענע צאָרעס מעסטן
נייען א קלייד
פון א וואָלקן גאָר...
פון א וואָלקן גאָר...

פרילינג בא מײַן טיר

כאנעלען

מיט א פּאָדעם קאָן מען שרײַבן,
מיט קויל און מיט קרײַד,
אף א שאָפּענעם פעלץ
און אף א קלייד פון זײַד.
מיט טינט און פעדער
אף קלאָר־װײַס פּאפּיר
און מיט די טרערן,
װאָס קומען פרילינג צו מיר;
פאר זיי לאָז איך אָפּן
די דעמבענע טיר... די טיר.
מע קאָן שרײַבן אף פּארמעט
און אף גרויען שטיין,
מיט א שפּיצרוט אפן לײַב,
פון װעלכן דער װייטעק בא פעלקער
בלײַבט אף דורעס אין געביין...
מע קאָן שרײַבן מיט אש,
מיט אייל און מיט אָכרע,
מיט גאָלד און מיט זילבער,
און מיט דער אייגענער גאל.
און אויב דײַן געמיט איז צעבראָכן?
מע קאָן שרײַבן מיט א געפּאקטן
אין די פינגער לעװאָנע־שטראל.

מיט א בליק צו די וואָלקנס
אין אומענדלעכן רוים,
מיט א שטרוי פון ווייצנפעלד
אף פאַראָסטעטע פענצטער,
דאָס קסאוו זאָל זיך אָנזען קוים...
מיט א צווײַגל פון בוים
אף דעם געפריר פון א טײַך,
מיט דער ליבע אין הארצן,
וואָס צו מענטשן לײַכט!

צו דיר וועל איך שרײַבן
מיט אלע טײַכן, וואָס פלייצן,
מיט אלע וועלדער,
וואָס האָבן מיט פרילינג־צוויט
מײַנע וועגן פארשאָטן,
מיט אלע שטערן,
וואָס יאָגן די האקנקרייץ־שאָטנס,
און לאָזן נישט אויסקרומען
דער וועלט די פלייצע...

צו דיר וועל איך שרײַבן
מיט וויכער און פלאַם,
און ווי א ליכטיקע שיף,
וואָס גראָבט אײַן זיך אין יאַם,
ווי אין טיפן הימל דער בליץ,
וואָס איז געראָטן
אין דעם רואך־האקוידעש
פון בעטהאָווענס נאָטן.
צו דיר וועל איך שרײַבן,
אז איבערכאפּן
זאָל שווער זײַן דעם אָטעם,
ווי סע קאָנען פארליבטע נאָר,
די, וואָס קוקן אין די אויגן
דער צוקונפט פון א דאָר.

שאגאל

א ייִד זיצט אויף א קוימען
און טרינקט ציקאָריע
פון א שעלעכל,
א גראָבע ייִדענע פאַרקויפט
גרינע אוגערקעלעך
אויף א שטעלכל,
א שויכעט הענגט
מיטן קאָפּ אראָפּ אויף א לייטער
און איז א ייִנגעלע מאלע,
און איבער הײַזלעך
נידעריקע, קרומע, לאָמע
א זומערדיקער כאָלעם,
די שטערן
אַרום דער לעוואָנע,
און א בלייכע קאלע
מיט אן אויסגעצויגן פּאָנעם
טראָגט אין די הענט
א בוקעטל קווייטן,
און איר כאָסן אין הימל
אין סמאָקינג
מיט צעגומענע פּאָלעס
פליט מיט א קוש
אויף די ליפן לאנג,

װי דער ייִדישער גאָלעס,
און אין דער באָד־גאַס
א סרייפע איז, דער דאך
פון נאָכעם סענדערס שטיבל
שיט פונקען, ברענט,
און א וואסערפירער
זיצט אף זײַן הויכער פאס
און רײַבט די הענט
און פון געלעכטער קײַכט,
א מאָדנער טײַך,
וואָס מערער איך שעפּ,
אלץ מערער וואסער ווערט.
און אין מיטן מארק
מארק שאגאל
א ראבע הון
אף א קלאָר־ווײַס ציגעלע בײַט,
דערבײַ זײַן שוויגער
אף א קאָטשערע רײַט.
ווּ ביסטו, שטעטל
מײַנס, פארפלויגן?
איך זע דיך
אין מארק שאגאלס אויגן,
ביסט אזוי ווײַט!

* * *

כ'וואָלט אויך געהאט
אלדאָס גוטס, מײַן קינד, —
ווײַן אין קעלער,
ברויט אין שײַער.
בין איך איינמאָל געזעסן
און האָב געשריבן א ליד,
האָט דער ווינט
א פונק בא איר געכאַפּט,
און מײַן האָב־און־גוטס,
מײַן גאנצע שטוב
אוועק איז מיטן פײַער.
דאָך זע איך — מײַן קינד
אין פרישע טויען
דאָס פּענעמל וואשט,
מײַן צאר איז באַזינט,
ס'אויג ניט פאַרשטעלט,
ווײַל אין פלאמיקן ווינט,
אף דעם הייסן אש —
האָב איך אויסגעבויט
א וועלט!

טויבן, טײַבעלעך

זײַנען זיי, זײַנען זיי,
די טײַבעלעך, פון טויבנשלאק צעפלויגן,
און דער בוים
אין גאָרטן שטייט,
דעם קאָפּ אראָפּגעבויגן,

האָב איך מוירע צום טויבנשלאק
אופהייבן די אויגן.

זײַנען זיי, זײַנען זיי,
די שניי־ווײַסע טײַבעלעך,
מיט בלוט געפרווּט,
מיט אש באצויגן,
און זייער נעסט אין גרינעם צווײַג־געוועב
איז מיט א בייזן ווינט צעפלויגן,

האָב איך מוירע צום טויבנשלאק
אופהייבן די אויגן.

זײַנען זיי, זײַנען זיי,
מײַנע יונגע יאָרן, מײַנע טײַבעלעך,
אויך מיט בלוט געפרווּט,
אויך מיט רויך באצויגן,

און מײַן שטוב אין גרינעם צווײַג־געוועב
איז מיט בײַזן ווינט צעפלויגן,

ווערט די ליד א פײַל בא מיר
און דאָס הארץ — א בויגן.

געקומען דאָס פֿייגעלע

ווי געשמאַק זײַן דאַרף קאָרנברויט מיט קימל
און טײַער פֿון די אייגענע ביימער
דאָס ליכט און די שאָטנס אַף הײַזער.
געזוכט האָב איך קינדווײַז דאָס פֿייגעלע אין הימל,
וואָס זאָל כאָטש דערמאָנען אַ נעסט און אַ היים מיר,
און ס׳פֿלעגט זיך ניט ווײַזן.

צי האָט עס אַ פֿליגעלע ערגעץ צעבראָכן?
צי איז עס אין שפּאַלט פֿון אַ שטיין פֿאַרקראָכן?
אַנטקעגן מײַן פֿענצטער אַ קראָ איז געשפּרונגען,
דער פֿלויט האָט געוויגט זיך, און איך האָב געזונגען
אין טונקעלע צײַטן אַ ליכטיקן הימן.

געזען כ׳האָב אין בלויקײַט פֿון זיבעטן הימל
צו וואָגל־וועג מײַנעם אַן ענלעכן וואָלקן —
ער פֿלעגט מיך באַדריקן, ער פֿלעגט מיך פֿאַרפֿאָלגן...
דאָס גאָלדענע ווייץ כ׳פֿלעג באַטרעטן זיך היטן,
אַרײַן ביזן האַלדז, בלײַבן שטיין אינדערמיטן —
איך פֿלעג זיך דעם אייגענעם טראָט ניט פֿאַרגינען,
און מיר איז דאַן שטענדיק געלעגן אין זינען
דער פֿלאַטער פֿון פֿליגל און קלאָרקײַט פֿון הימל.

דערפאר איז געשמאק מיר דאָס ברויט מיט קימל,
די שאָטנס פוןביימער אף זיכערע הײַזער...
צי קענסטו אן אנדערע היים מיר באווײַזן,
וואָס זאָל אזוי ברייט זײַן, וואָס זאָל אזוי פרײַ זײַן,
וואָס זאָל אלע קנייטשן און קארבן פארווישן,
וואָס זאָל מײַנע פריידן מיט טרויער ניט מישן,
און הערן מיך לאָזן פון פייגל די ליכטיקע שירע
אף ברעגן אמורער, באם וואסער פון בירע.

דאָס טראַכטן

קאָפּ מײַנער, טראַכט ניט!
טראַכט ניט, מײַן קאָפּ.
נעמסט מיט דײַן טראַכטן
דעם קאָפּ מיר אַראָפּ.

און אַ מענטש אָן אַ קאָפּ
איז גאָרניט קיין מענטש,
טראַכט, נאָר מיט ליכט
דאָס האַרץ מײַנס בענטש!

בענטש מיר דאָס פעלד
מיט אַ זעטיקן סנאָפּ.
אַ לויטערער שטערן
זאָל פון הימל אַראָפּ!

ניט זײַן זאָל מײַן וואָרט
קיינמאָל קיין פּלאָג,
ווו כ׳וועל שטעלן אַ טראָט,
זאָל אופגיין נאָר טאָג!

בענטש מיך צעקלאַפּן
דעם אומענטש, וואָס נאָגט,
בלוט און מעהומע
צו מײַן נעסט ער טראָגט!

קאָפּ מײַנער, טראַכט ניט!
טראַכסט — איז פאַרשטײ,
אַז נאָר פאַרן פאָלק
טוט מײַן האַרץ אַזוי װײ!

מיט בליץ פון מײַן אויג —
אויף יעדן בלאַט פון בוים
קריץ איך מײַן גלויבן
אין מענטשלעכן טרוים!

מײַן װירטשאַפט — מײַן
ליבשאַפט —
דער װעלט איך צעשענק;
מיט זומער־רעגן פרישן
דעם קאָפּ איך שװענק!

אַלע טאָג כ'טרײַב אַ װאָלקן,
אַ צװײטן, װאָס נאָגט;
װי אַ יאַמישע כװאַליע,
מײַן האַרץ זיך צעשלאָגט!

בײַ אַ פעלדז, בײַ דער נאַכט,
איך בעט און איך פרעג,
דעם באַרג־אַרויף מיר װײַזט,
דעם קלאָרן װעג!

מײַן װײטעק — מיט קװײטן,
איך בעט, שיט ניט אָפּ,
ביז די װעלט גײט אַרום
מיטן קאָפּ אַראָפּ;

צינדט אונטער גראָזן,
סאַמט אָפּ דאָס ברויט,
זעטיקט איר טײַװע
בײַ דער סודע פון טויט!

קאָפּ מײַנער, טראַכט ניט!
טראַכט ניט, מײַן קאָפּ.
נעמסט מיט דײַן טראַכטן
דעם קאָפּ מיר אַראָפּ.

כ'זאָל פון זיך עמיגרירן,
ווו האָסטו געזען? —
ס'איז מיט מײַן האַרץ
עפּעס ביטערס געשען;

מיט טרערן סע שפּריצט
און ראַכמים סע בעט,
מײַן ווירטשאַפט — מײַן
ליבשאַפט —
היט אָפּ, ניט צעטרעט!

אין שאָ פון געפאַרן,
מיט סרייפּעס באַזוימט,
איך קני פאַר דיר, מענטש,
פאַר דײַן הייליקן טרוים!

איינמאָל אף א בערגל

גאָט האָט געקוילעט
מײַן קינד אין לעבעדיקן וויגל,
זײַן מאמע צום אויוון
מיט אוטאָמאטן און הינט
אין פארמאכטן וואגאָן געטריבן;
איך בין דורך א נעס
אפן פראָנט לעבן געבליבן,
דעם כאלעף
האָט גאָט אויסגעווישט
אין מײַנע פליגל! —
איז גאָט, ווײַזט אויס, א שויכעט?
מײַן קינדס לעבעדיק וויגל,
ווי א וואָלקן, זיך רויכערט;
און זײַן מאמע, וואָס מע האָט
א יונגע אין אויוון פארברענט,
גייט ארויס פון פײַער
מיט א וואָלקן אף די הענט,
וויגט אים מיט א וויגליד,
ווי מע וויגט א קינד
אין א לעבעדיק וויגל.

גאָט האָט אויסגעווישט
דעם כאלעף

אין מײַנע פליגל,
אש מיר געשאָטן
אין די אָפענע אויגן,
אליין האָט ער זיך צו דער ערד,
ווי איבער א קרוג, אָנגעבויגן,
זײַן דאָרשט געלאָשן —
דעמלט
האָב איך ארויסגעטאנצט
פון מײַן אָקאָפּ,
מײַן גלויבן
אוועקגעשטעלט באם וואלד
אף א גרין בערגל
און האָב אויסגעשאָסן
גלײַך אין קאָפּ...

מײַן לאָשן

װער הײצט אזױ פרי דאָס הארץ? —
אין דרױסן איז נאָך טונקל,
דער הימל איז שװארץ,
און איך בין פארזונקען
אין מײַן קלוגער און נישט קלוגער ארבעט —
פון מײַן ייִדיש לאָשן אױסהאקן פונקען.
און נישט קעדײי אמאָל אין דער טונקל,
נאָך מײַן שטארבן
מיט שײנעם װאָרט ארײַן אין גאנײדן —
איצטער, װען מײַן פאָלק
איז דורך א דאָרן־װעג אזא הארבן,
מיט װאָרט מיט לױטערן
צו דעם מיט מײַן לאָשן רעדן,
װי דער פרילינג־טײַך,
װאָס מײַסעלעך שפינט,
װי דער װינט, װאָס אין אױער רינט,
װי דער מעכטיקער יאם,
װאָס מיט דער שפּראך זײַנער פלעט,
װאָס דארף נישט קײן איבערזעצער,
װען צו מיר ער רעדט.

וואָס וועט זײַן מיט מיר מאָרגן

דער וואלד וועט זײַן א וואלד אויך מאָרגן —
און איך, דער שויטע, בין פול מיט זאָרגן,
וואָס וועט זײַן מיט מיר מאָרגן? —
א טוי־פערל אף די בלעטער פון א בוים,
וואָס לעבט מיט ליבשאפט צו דער וועלט פארבאָרגן,
צי נאָר א שטויבעלע רויך איבערן דאך, אין רוים,
וווהין אוועק כ׳קען מאָרגן?
איך וויל אָבער הײַנט די זומער־קליידער פון מײַן טרוים
אָנמעסטן און נישט קלערן פון קיין שווארצן מאָרגן,
וואָס איז מיר מײַן שפעטער?
איצטער וויל איך שטיין, ווי אין גאָרטן דער בוים,
און אָפפאלן זאָלן פון מיר
אלע דײַגעס און זאָרגן,
ווי הארבסטיקע בלעטער...

ווער זינגט מיר די לידער?

כ׳האָב קיין פייגעלע אין שטײַגל נישט פארשלאָסן,
סע זאָל מיר לידער זינגען —
א פייגעלע איז מײַן מאמעלאָשן,
און די לידער קלינגען.

וואָס זשע הינקט דאָס פייגעלע,
דײַן צארטע נעשאָמע?
ס׳איז פון פלאם מײַן קינד ארויס
אין דער גרויסער מילכאָמע.

וועל איך נאָך א דאָקטער שיקן,
גיב דעם עסן, וואָס ס׳בעט —
איך גיב דאָס הארץ מײַנס, סע זאָל פיקן,
איך בין דאָך א יידישער פּאָעט.

זומער

נעם מאך פון מיר א רעגנבויגן
און הענג מיך אויף איבערן דאך,
נעם בא מיר צו די שײַן פון די אויגן
און ליכטיקער אין די פענצטער מאך,
אויב פינצטער איז דיר די נאכט.
נעם צעשיט מײַן הארץ ווי א האָגל,
אויב דו דארפסט באם פײַנט דעם קאָרן
אין פעלד אויסשלאָגן.
איך בין מיט דיר צוריק
א קינד געוואָרן,
די אײַז־גרײַפּעלעך
וועל איך אין מײַן היטל טראָגן
און זיי שלינגען, שלינגען.
איך בענטש אים, דעם זומערדיקן האָגל,
זאָל ער אין די שויבן קלינגען
מיט לאנגע זילבערנע פינגער —
די גאנצע ערד איז איצט פריש
און פארשײַט,
ווי א פּופּצניאָריק ייִנגל.

* * *

צווישן מײַן זײַן
און מײַן ניט װערן
זוך איך א שטערן
פול מיט שײַן,
וואָס זאָל פארלאָשן
ניט ווערן,
ווען איך וועל ניט זײַן...
צווישן מײַן זײַן
און מײַן ניט ווערן
לויכטן מיר טרערן
פולע מיט שײַן, —
בעכערלעך ווײַן.
ווען איך וועל ניט ווערן,
זאָלן אָט די טרערן
דאָס ליד
פון דײַן הארצן זײַן...

באַם פײַער

מיר זײַנען געזעסן און געקאָכט
אין אַן עמער די לעװאָנע —
מיט אַ ביסל הירזש און װאַסער
האָט זיך געפּליושקעט אַ שטיקל לעװאָנע.

אַרום־און־אַרום טויט און סאַקאָנע,
אַזש בלינד פון דער נאַכט מע װערט —
דערשאָסן דאָס שטיקל לעװאָנע,
און ייִדן זײַנען מעכאַדעש די ערד,
די הייליקע, העלדישע געטאָ־ערד...

די שטרויענע הוט

ש. האלקינען

כ'האָב מוירע זיך קויפן א שטרויענע הוט,
דער סאָף זאָל דערפון זיך א קער טאָן ניט גוט,

א שטוב כ'האָב געהאט מיט א שטרויענעם דאך,
פארברענט איז די שטוב אין גרויזאמער נאכט,

דאָס אש האָט צעטראָגן א בייזער ווינט,
דאָס פײַער גייט נאָך מיר, די טריט מײַנע צינדט.

וואָס טויג זי מיר איצט, די שטרויענע הוט,
דער שטאָלענער העלם זיצט אף מיר גוט.

א צווייטן, א דריטן א ווינטער איך ליג
אף שטרוי אין א גרוב אין דער וויג פון דעם קריג,

און אף בלענדיקן פעלד איבער פראָסטיקער פלאך
דערזע איך ניט איין מאָל אינמיטן דער נאכט

א הײַפעלע שטרוי, וואָס דער ווינט פארשטויסט,
ער ווארפט עס, און טרײַבט עס, און פײַפט דערבײַ אויס

דאָס קנײַלעכל שטרוי אונטער פראָסטיקער ליכט —
אין ווירבל עס טראָגט זיך אָן וואָג, אָן געוויכט.

אָ, רוסישע ערד, ניט באַשער מיר אַזוי,
אַז בלײַבן זאָל איך, ווי דאָס קנײַלעכל שטרוי.

וואָס טויג זי מיר איצט, מײַן שטרויענע הוט,
דער שטאָלענער העלם זיצט אױף מיר גוט.

אַ זון מיר געבראַכט האָט מײַן טרייסט — מײַן פֿרוי,
דעמלט האָט ער שטיבלעך, געדעקטע מיט שטרוי,

און מיך, און אַ בוים, וואָס צעבליט האָט זיך רויט,
און אַריבערן בוים האָט דער הימל געבלויט.

אין דאָרפֿישן שטיבל מיט שטרויענעם דאַך
זײ ביידן פֿאַרברענט אין אַ פֿינצטערער נאַכט.

אַ רויך גייט מיר נאָך, און דאָס פֿײַער באַגלייט,
פֿון פֿײַער אין פֿײַער איצט גיין בין איך גרייט.

וואָס טויג זי מיר איצט, מײַן שטרויענע הוט,
דער שטאָלענער העלם זיצט אױף מיר גוט.

אין איינעם א טאָג...

כ'וועל גאָרנישט לאָזן פאַרכאַסמעט,
נישט קיין בריוו, נישט קיין געלט־באַנקנאָטן;
באַ מײַן פענצטער א בוים
מיט א שטילן שאָטן,
אין צימער א שאַפּקעלע ספאָרים,
צוגיין צום שאַפּקעלע
זאָל קיינעם נישט זײַן פאַרבאָטן.
דעם זייגער אפן טיש,
כאַנעלע, מײַן צאַרטע באַלעבאָסטע,
דריי אָן, ווי שטענדיק,
לויט דער צײַט דער מאָסקווער,
מײַנע לידער פון אונדזער אײַזערנעם קאַסטן
צעטייל דעם פאָלק דעם פּראָסטן.

דער פּאָעט

וואָס טראָגסטו, ברודערל, באהאלטן אין לײַבל?
טינט א פלאש און ווײַס פּאַפּיר — אָף לידער שרײַבן.
און טאָמער וועט מען דיר פאר דײַנע לידער
די ביינדעלעך צעמאָלן און צערײַבן?
וועל איך זיי נאָך פלײַסיקער שרײַבן.
און טאָמער וועסטו צוליב דײַנע לידער
בא איין העמד אפן לײַב בלײַבן?
וועל איך זיצן באם טיש אין איין העמד און שרײַבן.
און טאָמער דערלאנגט א געט דיר
דײַן זייער קלוג און לעבעדיק ווײַבל,
דערפאר, וואָס נאָר טינט א פלאש און ווײַס פּאַפּיר
דו טראָגסט שטענדיק ארום אין לײַבל?
דאן צערײַס איך די טנאָים אָף אייביק מיט איר,
און מײַנע לידער נישט אופהערן שרײַבן.

באם פײַער פון דער ליד

דאָ ענדיק איך זיך און װער געבוירן װידער,
דאָ ברענען אַלע בײמער אין גאָלדענעם האַרבסט.

דאָ געכאַפּט האָט אַ צוגװינט פון לידער
מײַן שוין טויזנט מאָל צוגעקילט האַרץ.
און נאָכאַמאָל שפּאַר איך דעם קאָפּ אין אַלע פײַערן,
און װידער דעם װינט פון די פעלדער איך שעפּ.

איך גלייב אין מײַן סאָף ניט, טײַערע,
מײַן אָנהייב דעם סאָף האָט איבערגעלעבט!

פון מײַן פּאַך

כ׳ווייס נישט, ווי צו לערנען שרײַבן
און מע טאָר עס נישט, מיר דאַכט;
קלוגע ווערטער דאַרף מען קלײַבן
און זיי אײַנוויקלען אין באַנאַכט —

נישט אין קיין דייזשקעלע מיט טרערן,
אין דער פרילינג־אָזערע, וואָס בלויט.
אינדערפרי, ווען טאָג וועט ווערן,
זיי צעהענגען אויף אַ פּלויט!

וועט דער ווינט זיי טאָן אַ צערטל
און די הויכע זון, וואָס גליט.
דעמלט טויגן אַלע ווערטער
פאַר דער שײנער גוטער ליד!

יאנקעוו שטערנבערגן

מיט יאנקעוו שטערנבערגן א טאָג איז ליכטיק דורכגעלאָפֿן,
זײַן פֿאַרגאַנגענהײַט געוועקט — „די שטאָט אין פּראָפֿיל״;
טעאַטראַלער רום און לעוואָניקע נעכט בוקארעשטער,
דאָס אַלץ שוין אין אָוואַר זיך אײַנגעמויערט.
גאָלדפּאַדנס קאַרעטע און פֿערד מיט זילבערנע פּאָדקאָוועס,
„אַוועקגעפֿאָרן, אַוועקגעפֿאָרן א פּולע בויד גאַנאָווים״ —
דעם פֿאָרהאַנג עפֿנט יאנקעוו מיט אזא קאַוואָנע:
אָט וועט ער באַלד אַרויסלאָזן די שטערן און די לעוואָנע.
און דער אוילעם פֿון די קיילים איז אַרויס און פּליעסקעט,
די פּניי־איר און די ווײַבער זייערע אין קליידער מיט גרינע געסקעס.
אַוועק אין אָוואַר פֿון יענעם פּובליקום די רעשטלעך.
מיט אָקטאָוועס טוט זיך יאנקעוו איצט די ווונדן לעשן.
יאָרן, יאָרן — און שוין מיט א שמיציק מער פֿון א בען־שיווים,
נאָר די וועלדער פֿון די בערג קאַרפּאַטער כאַפּט ער פֿאַר דער גריוועס.
זינגט דער פּויערטע, וואָס פּאַטשט א העמד אין טײַך, א ריינעם הימן,
זי דאָס קליידל אירס פֿאַרקאַטשעט, רייצט מיט ליטקעס ראָזעווע דעם הימל.
ער דערמאָנט זיך די הוצולער דוינעס און די פֿידלער פֿון מאָלדאָווע,
ווײַן און מאַמעליגע, און דאָס לעבן ווי מיט א קנאָבל פֿאַרפּראַוועט.
פֿײַנט געהאַט א גאַנץ לעבן דעם טאַקיף און טשאָלנט־ייִד שלעכטן,
נאָר לאָמיר אונדזער אייגענעם געדעקטן טיש ניט פֿאַרשוועכן.
פֿון א בען־שיווים, קיין אײַנהאָרע, געוואָרן א בען־שמוינים.
האָצמאַכס לידעלע באַם האַרצן שנײַדט — „קויפֿט, קויפֿט, קוינים״,
פּינגערלעך, קעמעלעך, נאָדעלעך, אוירינגלעך בעכאָצי־כינעם...

יאַנקעוון אַף אַלע מערק איך זוך און זוך א קרוין אים
פֿאַר זײַן געבויטן און ניט־דערבויטן טעאַטער־ביניען,
פֿאַר דער „קאַרפּאַטער פֿויערטע״ און אירע יונגע בליטן,
פֿאַר א גאַנצן דאָר אַקטיאָרן מיט קוני־לעמל אינמיטן...
מאַקבעט און האַמלעט און כאַסיע די יעסוימע,
די גלעקעלעך פֿון פּורימשפּילער, מיט זילבער געזוימטע.
אין דריטן אַקט ערשט „מע רײַסט קוליסן״ —
אַן אַקטיאָר זײַן, ברידערלעך, ניט קיין גרינגער ביסן.
נאָר העכער דער פּאָרויכעס, און די ליכט צעצינדן, —
קומט, נעמט זיך פֿאַר די הענט, מאַמעס און קינדער,
און דעם יונגן זאָקן שלעפּט ארײַן אינמיטן
פֿאַר זײַן פּאָרן אין לעבן אַף א געשניצטן שליטן.
פֿון זײַן „קאַרפּאַטן־העפּט״ באַלויכטן ווערן מיר,
אַזש דאָס אויג פֿאַר נאַכעס צינדט זיך, פֿלאַטערט!
סײַ אין לידער איז דער מאַן א גוויר, אַן אדיר,
סײַ פֿאַר גאָר דער וועלט א שטיק לעבעדיק טעאַטער.

צו א פרײַנט

אין לעצטן טאָג, וואָס דו האָסט געלעבט,
האָבן מיר מיט דיר אופגעגעסן צוויי קאַרפּן־קעפּ
און אויך אויסגעזופּט א טראָפּן ווײַן.
ווען מיר זאָלן מיט דיר נעוויִים זײַן,
וואָלטן מיר אין דעם טאָג אויסגעזשליאָקעט דעם יאַם
פאַר דײַן ליד, וואָס האָט מיט אזא העלישן פלאַם
א גאַנץ לעבן אין יִידישע הײַזער געברענט;
פאַר די, וואָס האָבן ניט סאַמען, נאָר ראַטעווען געקענט.
אין לעצטן טאָג, וואָס דו האָסט געלעבט,
בין איך געשטאַנען בא דײַן צימער אף די טרעפּ,
געזען: דײַן אָרן שוועבט איבער קעפּ, ווי אָן וואָג,
און געטראַכט, אז מײַן האַרץ
דיר אונטערלייגן וואָלט איך געקענט,
דו זאָלסט זיך אומקערן צוריק צו דײַן טיש, וואָס ברענט,
ווי ס׳קערט זיך אום דער פאַרגייענדיקער טאָג.

מיט דײַן ליכט

א צווייט מאָל, א צווייט מאָל
וועל איך דיר קומען לידער לייענען,
איצט ליגסטו א טויטער אפן טיש
און מענטשן דיך באוויינען.

איך שטיי א ביסעלע צעמישט,
איך בייג זיך אָן איבערן טיש,
איך קען אפילע נישט וויינען.

א צווייט מאָל, א צווייט מאָל
וועל איך דיר קומען לידער לייענען.
דו וועסט מיר עפענען די טיר,
אוןביידע וועלן מיר וויינען...

קום, שמועל, א ביסעלע אין גאס,
דער טויט האָט נאָר געטאָן א שפּאס.
איך הער, אף דײַן געצירטער גאס
דו קלאפּסט מיט דײַן שטעקן
אין די שטיינער,
און ס׳צינדט זיך אָן דײַן אויג
מיט ליכט,
און אין טיפן הארבסט אומגעריכט,

איך דערזע דיך צווישןביימער,
אין דעם קיניגרײַך פון דײַנע
טרוימען.
פארסאמט מײַן הארץ איז איצט
מיט פּײַן,
און אויסגעלאָשן איז די שײַן,
און מיך טרייסטן קען שוין איצט
נישט קיינער.
א צווייט מאָל, א צווייט מאָל
וועל איך דיר קומען לידער לייענען...

גאָרקי

דאָ ליגן די זעק מיט מעל,
און דער אויוון איז קאַלט, נישט געהייצט,
דאָס בעקער־ייִנגל איז אוועק אין דער וועלט,
און מיט ביכער ער האָט זי פאַרפּלייצט.

פון קעלער־פענצטערל געזען אַזויפיל שיך...
און די טונקעלע שײַן פון דער נויט,
ווער צינדט עס אָן דאָ אַלע אָוונט ליכט, —
דאָס באַקט ווידער גאָרקי ברויט.

* * *

מיר זײַנען, מײַן טײַערע, מיט דיר
ביימער מיט צווײַגן,
ווינטער מיר שטייען אין ווײַטן געפריר,
שטייען אײנצווייען און שווײַגן.
פרילינג די קאָרע טוט א ריר אונדז לײַכט,
שטארבן מע קאָן פון דעם פארגעניגן.
הערסט, ווי דאָס אײַז גייט אוועק פון טײַך,
דער טײַך וויל געקאָוועט ניט ליגן.
זעסט, ווי א וואָלקנדל דורכזיכטיק שוועבט,
קוים אין הימל זיך ארויסגעריסן,
די ערד זיך שפּאלט, גרינט און לעבט,
און איינער א בוים מיט א בלאט אין מויל
האָט די ליפּן מיט ווייטעק פארביסן.
ער קוקט זיך ארום, דער ווינטער איז ווײַט,
און דער הארבסט אומפארמײַדלעך וועט קומען.
ער הערט ניט דעם פויגל, וואָס זינגט שירע
פארשײַט,
דעם אָנקום פון פריילעכן זומער.

ווינטער

געווײנלעך זינגט מען א ליד,
מ׳קען זי אָבער אויך שווײַגן,
ווען דער וואלד שטייט אין פראָסט
געשמידט
און קיין שנייעלע
פאלט פון די צווײַגן.
און דאָס ווונדער־קיניגרײַך
די אויגן בלענדט,
און דער גאנצער וואלד
מיט זײַנע ווײַסע הענט
פלעגט פאר מײַן קינדהײַט
א וויגעלע זײַן פון כאָלעם
און טרוים.
ווו איז זי, מײַן קינדהײַט,
אף וועלכן בוים?
געטאָן א דראפּע מײַן פּאָנעם
מיט א געפרוירן צווײַגל...
מיך געוויגט האָט מײַן מאמע
אין א מולטער
פון שווארצן בוים,
האָט ער איצט ניט קיין צווײַגן.
געווײנלעך זינגט מען א ליד,
מ׳קען זי אָבער אויך שווײַגן.

מוישע טייפן

קעגן טרויער און צווייפל — מײַנע גאָלדענע
רייפן —
די ליד פון מײַן הארצן זיך רײַסט.
א בייגעלע פאפיר, שווארץ אף ווײַס,
געשריבן פון מיר — מוישע טייפן.

ווי איך, ביסט אדורך אלע זיבן סרייפעס,
איבער אײַז דעם דינסטן קעסיידער געשפאנט.
ס׳הארץ אויסגעלאָדן פון צאר און צווייפל,
מיט דער ביקס אפן שלאכטפעלד
פון לאנד.

און איצט א בערגעלע ערד
און עסטערס קווייטן
מײַן טראָט מאכט שווער
און טיפער דעם ווייטעק!
ס׳קלאפט אין די שלייפן
דײַן וואָרט דאָס געשלײַפטע,
דײַן ליד, וואָס רויבט אָפּ דעם שלאָף.
א בייגעלע פאפיר, שווארץ אף ווײַס,
מיט די ציט׳ריקע צווײַגלעך
פון אונדזער ייִדישן קסאוו
קעגן טרויער און צווייפל — מײַנע גאָלדענע רייפן —

דײַן ליד, דײַן מײליץ־יוישער,
וואָס לעבט אין מײַן געביין.
ווען געקושט זיך און ווען זיך צעקריגט
מיט אונדזער לעבעדיקן מוישע טײפֿן,
און איצט מײַן קישן
איך צערײַס מיט די ציין.

מײַן שטאָם

צום וואַלד פֿון מײַנע הייליקע מאַנוסקריפּטן
איבּ פֿאַרבּלאָנדזשען וועסט אַמאָל,
און טרוקן ווערן וועט בּא דיר אין גומען,
און בּרענען וועלן דײַנע ליפּן,
ווי פֿון שטרוי אָן אָנגעצונדענע שטאַל, —
גיי אַוועק מיט יענע גרויסע וועגן,
וואָס מײַן קינדעריש פּיסל האָט אויסגעטראָטן,
זאָל דײַן האַרץ בּא דיר קלאַפּן, ווי אַ רעגן,
ווו יעדער בּוים און צווײַגל
איז גרייט צו זײַן פֿאַר דיר אַ שאָטן,
דאָרט וועסטו אויסגראָבּן וואַסער, ווי קרישטאָל,
ווײַל דאָס וואַסער אין דער ערד וויל בּישט שווײַגן.

נאָכדעם גיי אַהין, ווו ווילד־פֿאַרשײַט
דײַן יוגנט צווישן דעמבּ האָט געפֿלאַמט,
דאָרט טרעפֿן וועסט אַ בּרונעם
מיט ליבּע און סינע געלײַטערט,
טרינק פֿון אים, ער איז בּישט פֿאַרסאַמט.

נאָכדעם גיי אַ בּיסעלע ווײַטער,
וועסטו טרעפֿן הייסן אַש פֿון שײַטערס,
ווו מ׳האָט געבּרענט און געבּראָטן מײַן שטאָם.

דאָרט ניִשט פון קיין ברונעם,
פון טיפסטן צאר און ליידן וועסט לעשן די ליפּן,
דאָרט שוימט אויף פון גווורע דער יאַם...
קום אַריַין אין דעם וואַלד
פון מײַנע הייליקע מאַנוסקריפּטן!

א כאָלעם

האָט זיך מיר געכאָלעמט —
סע גיסט א רעגן פון טינט
און אף גאַר א הויכן בארג
שטייט אין א ווײַס העמדעלע א קינד,
בלייך ווי א בויגן פאפיר,
מיט אייגעלעך ווי טינט.
און איך האָב באמערקט, ווי דאָס קינד
ווײַזט מיט א פינגערל אף מיר —
אָט דער מענטש דארף
ווערלדער פאפיר,
דעם אָקעאן טינט,
ווײַזט אויס, גאָלד פון זײַנע לידער
ער שפינט...
א קינד בלײַבט א קינד.
ס'האָט א רעגן געפלייצט פון טינט,
און דעם הימל האָב איך
צונויפגעוויקלט, ווי א פרישן
בויגן,
דערנאָך האָב איך זיך אופגעזעצט
אין מײַן הילצערן בעט, ווי א קינד —
און שטארק געריבן די אויגן.

* * *

דאַרפסט צעלייגן אין וואַלד אַ שייַטער,
נעם דאָס פייַער פון מייַן בליק.
ווילסט אַנטלויפן צו דייַן יוגנט, —
איך וועל זייַן די בריק.

ווילסט צום שטערן יענעם ווייַטן, —
פלי איך מיט דיר אָפּ!
זוכסט אַן עמער טיף אין ברונעם, —
לאָז איך זיך אַראָפּ.

ווילסט, פון אומקום רעטן זאָל איך
די זון אין אָוונט־פלאַם, —
צוליב איר, מייַן קינד, מייַן מאַלעך,
שווימט מייַן קאָפּ אין יאַם.

באגינען

ווי א יעגער אין וואלד דעם געדיכטן
דעם אָטעם פּארטײַעט, די ביקס אָנגעצויגן,
שיק איך מײַן בליק צום ציט׳ריקן פויגל,
נאָר שיסן כ׳וויל ניט אין זײַן ריכטונג.
וואָס דאַרף איך זיך יאָגן אזוי נאָכן פויגל,
די ערד באדעקן מיט בלוטיקע פלעקן, גאנצפרי?
אין גאנצן ווּקס, בא א בוים, ניט אף די קני,
דעם אָטעם פּארטײַעט, די ביקס אָנגעצויגן, —
איך ציל אינעם וואָלקן צו טרעפן,
ער זאָל איבערן קאָפּ מיר ניט הענגען.

און דעם פויגל? אים וועל איך לעבעדיק ברענגען.
דו די טיר באצײַטנס נאָר עפן.

מײַן מומע ליובאשע

1

אזש פון קאזאן ביז איהומען
איז ניט געשלאָפֿן אין פּאַיעזד ליובאשע מײַן מומע,
צו װעמען פֿאָרט זי, װוהין װעט זי קומען,
און צי איז נאָך פֿאראן אױף דער װעלט אן איהומען?

אײַ, ליובאשע מײַן מומע,
אירע קאָרזשעס מיט צימרינג
אױף יענער־װעלט
װעלן צו כאָלעם מיר קומען.

א שטוב מיט קינדער פֿאַרמאָגט,
און אלײן אין קיך זיך פֿארקליבן,
און דאָרטן געגעכטיקט, געטאָגט,
ביז ס׳האָט זי דאָס פֿײַער פֿארטריבן.

נאָך אױסגעבן טעכטער
דער מומען באשערט איז
און טרינקען אױף כאסענעס א קױסעלע װײַן,
באשערט איר נאָך קומען
צוריק קײן איהומען,
און דאָס לעבן צוריק א לעבן זאָל זײַן.

2

איַ, ליובאשע מיַין מומע,
ווען דאָס הארץ הייבט אָןריידן,
ווערן גרינגער א ביסל די ווייען.
איר מעגט פון מיר לאכן,
און איך בין אריבער קאָפּ
פארליבט אין איַיערס א מיידל.
וועט איר דאָך אוואדע מיך פרעגן:

„ווו האָסטו מיַין טאָכטער באגעגנט?"
— פיר יאָר מיר האָבן אינצווייען
געהיט די בעלאָצערקאָווער וועגן,
בריקן געריסן, רעלסן געשוירן,
מיט א קוש אין באק זיך געשווירן
ביידע געזונט און שטארק נאָך קומען
אף יאָמטעוו מיַי צו דער מומען.

איַ, ליובאשע מיַין מומע,
איר ווייסט ניט איַיער טאָכטערס כאראקטער
דעם שווערן,
זי קען דערפירן
א מענטשן ביז טרערן.

די איינציקע טרייסט — אירע ציין — די פערל,
איר פאסמעלע האָר,
וואָס איבערן שטערן,
איר די אויגן פארדעקט,
מומע, איר מעגט עס הערן:
צוזאמען בא רעלסן
אין שניי אויסגעצויגן,
די הענט טוען ווי,
די פיס טוען ווי,

און זי, אז איך זאָל ניט פארשלאָפן,
שטיל אזוי מיך וועקט,
דאָס אלטע פאָלקסלידל פארצויגן:
„לאָמיר זיך געזעגענען,
דער פאָיעזד פאָרט אוועק".

מײַן טיפּאָגראַפיע

אויב דו ביסט, מײַן פרײַנט, מיר געטרײַ —
און אין דעם בין איך זיכער, —
ווינטש מיר באַם יאַם א דרוקערײַ
פאַר מײַנע אין פלאַם געברענטע ביכער.

דעם שריפט פון שטערן כ׳וואָלט געמאַכט,
פון זון־אויפגאַנג דאָס שאַרעבלעטל,
דאָס פאַפיר פון דער לעוואָניקער נאַכט,
וואָס מיט פרישקײַט אין דער נאַכט עטעמט.

געשלעפט שטיינער פון יאַמישער טיף —
א בוך מעג האָבן א טאָוול א שווערן,
געכאָלעמט וואָלט זיך מיר סוויפט
און אַז כ׳בין גרעסער פון הוליווערן.

אפילע א בוים וואָלט פאַרשטיין מײַן ליד,
מײַן וועג ניט פאַרלויפן קאַרליקלעך פאָעטן;
כ׳בין אין געשלעג פאַרן אָס אַן אקשן א ייִד!
גלייב אין מײַן הײַנט און אין אייביקן שפּעטער.

כ׳האָב ליב, ווען טרוים מיך פֿאַרבלענדט,
פֿון אונדזער שווערן יאָרהונדערט דעם וויכער, —
באַקלעפּ איך מיט לידער מײַנע ווענט,
ווען אַ הונגער איז אין לאַנד אויף ביכער.

מינסק

אלע געסעלעך פון נעמיגע
מ׳האָט פאַריאָגט
אונטער דער בריק.
און אויבן,
צענומען די גלעזערנע פּאַלעס,
א יוגנט־פּאַלאַץ
צווישן שטערן זיך וויגט.
און אונטן די געסעלעך ליגן
מיט יענע פארבלוטיקטע ווענט,
וואָס האָבן אין מיר
געוואָרפן ציגל
מיט לאַנגע לעוואָניקע הענט.

בא מענדעלען

כ׳האָב מײַן פּאָנעם דערזען
אין שטײנערנעם שפּיגל,
אין די גריבעלעך פון מויל
א שטראַל איז געלעגן.

דער זיידע האָט מיר געהייסן
דעם קאָפּ פארנויגן
פאר די, וואָס אָן שטיינער ליגן,
פאר די, וואָס אונטערן כאַלעף
האָבן די קעפּ נישט געבויגן.
זאָלן אייביק די ביימער
אין זונשײַן זיך וויגן!

א פויגל טוט א פּאָך
מיט א פליגל א קלאָרן,
ציט מיך אין בלוילעכן יאַם
מיט קישעף צו זיך,
בא דעם זיידנס מאַצייווע,
בא מענדעלע מויכער־ספאָרים,
שטיי איך און פלאַם,
אויסגעצויגן, ווי א ליכט.

באַם בירע־טײַך

כ׳האָב ליב, ווען דער בירע־טײַך
גאַנוועט זיך אַרויס פון דער נאַכט,
און אַ באַרגיקער ווינט
קעמט אים די שעוועליורע —
און פון איין זײַט הימל לײַכט
שוין דער טאָג און זיך צינדט,
און פון דער צווייטער די לעוואָנע
אין וואָלקנס זיך ניורעט.
כ׳האָב ליב מײַן מאַמעלאָשן
באַם גוטן טאָקער פון „דאַלסעלמאַש”.
די געשיכטע פון מײַנע לאַנדסלײַט,
נאָענטע און ווײַטע.
ווי געענדערט האָט זיי די צײַט
און ווי ניט געענדערט
אין אַלע אויגן די שײַטערלעך —
דער שײַטער
פון פונדעווען זיך אַליין אַ היים
אָט דאָ, באַ די בירע־ברעגן,
וווּ אַ פרישער ווינט דיביימער וואַשט,
און פון שווערן האַרץ
די אָנגעבראַקנעטע ליים
דער רעגן
שווענקט אַראָפּ און דערפרישט.
דעם לעצטן שטערן פון דער נאַכט

פאַרטריבן אין קאַמיש.
און מיט קינדערלעך
די פּיס
אין בירע־טײַך איך פּליושקע, —
אָט האָט א שטיינדל פון מײַן
האַנט
געטאָן זיך אין דער ווײַט א ריס
און קאַטשקעלעך געמאַכט.
בא די ברעגן א פערד
מיט א לאָשעקל קושט זיך.
און סירענעס, איך הער, בויטען
דעם הימל, דעם גאָרניט
פאַרכמורעטן
בא דעם בירע־טײַך,
דעם קרישטאָל־לויטערן.
קום, ווינט, פאַרקעם מיר די שעוועליורע.

אונדזער גאָרטן

אונדזער גאָרטן אין פענצטער
ציטערט...
ס'איז שוין האַרבסט. דו ביסט
גערעכט:
אָן די לידער איז מיר שלעכט,
מיט די לידער איז מיר ביטער.
נאָר זיך אַליין וועל איך פאַרשפּילן,
קיין וואָלף ניט גרילן זאָל אין האַרץ,
בלויע אויגן האָט דער פרילינג,
א קאָפּ א גאָלדענעם דער האַרבסט.

מײַן קרענעצע

מײַן קרענעצע —
די עלטער —
איז ניט מוטנע,
ווי האַרבסט דאָס פענצטער.
ס'דורכגעלעבטע לעבן,
ביז זעמדעלע קלענסטן,
אין איר טיף,
ווי פערל,
טאָג און נאַכט זי שווענקט.
דער יונגער טאַפּאָל,
זײַן אָטעם איך געדענק,

מיר קענען בײדע
אַלט ניט ווערן,
ווײַל אײן ערד
אַזאַ געשענקט
האָט אונדז דער גורל.
נאָך בײַ יענעם טאָפּאָל
האָב איך געשוווירן
ניט בייגן זיך פון ווינט
און האַרבע קעלטן.
אוואַדע ווערט מען עלטער,
נאָר וואָס געווונען

איך און מײַן װעלט האָט,
איז מער,
װי כ'האָב פֿאַרן
גאַנצן לעבן
פֿאַרלױרן.

באם פײַער

װען דאָס פײַער זינגען נעמט
און ס'צעגליִען זיך די קוילן,
כ'טו מײַן ליד אָן א גאָלדן העמד,
װאַרף זי אין פלאַם אַרײַן
מיט מײַנע אַלטע און נײַע גרוילן.
— װאָס קען שענער זײַן?
זינגען כ'הער מײַן ליד אין פײַער.
אויך אַזאַ איז זי מיר טײַער!

פונעם פלאַם מיר שטרעקט די הענט:
— מײנסט, דו האָסט מיך שוין
פאַרברענט? —
און די ליד פון לייד און פּײַן,
זי צינדט אָן פאַר דער װעלט א שײַן,
װידע זאָגט אין מײַן געמיט:
— װאַרפסט אין פײַער מיך אַרײַן?
און איך אין פײַער בין א ליד!

* * *

אין דער הייך וואקס איך ניט,
אין דער ברייט אויך ניט.
גיב מיר, גאָט, נאָר קויכעס,
כ׳זאָל קיינעם אף די אקסל
מײַן זאָרג ניט איבערלייגן.

אין איין זאך בלויז וויל איך וואקסן,
ווי א בוים אין פרילינג־רעגן —
מײַנע צווײַגן, מײַנע הענט בענטש.
זיי זאָלן זיך בעזע־האָרעגע
אויסצי:ען און ארומנעמען דעם גוטן
מענטש.

יאם

כ'האָב פארלוירן אין יאם א ליד,
איז דער יאם פֿונעם טינט
געוואָרן בלויער,
שטײ איך אומבאהאָלפֿן, ווי א קינד,
מיט פולע אויגן טרויער.

גיב מיר, יאם, אָפּ מײַן ליד צוריק,
מאך ניט קיין לײַטיש געלעכטער!
האָט דער יאם מיר ניט
אומגעקערט די ליד,
ער שרײַבט, זאָגט ער, מוזיק —
זײַן מוזיק און מײַנע ווערטער.

אין עלווע

דאָס שטעטעלע אין עסטן־לאנד הייסט עלווע:
ס'איז גרויס ווי א גראָשן.
מע רעדט דאָ עסטיש, און יידיש־לאָשן
איז אויך ניט ווערלוועלער.
ארום יעדער סאָסנע, קיין אײַנהאָרע, א ייִד,
ווער ווייסט, פון וואָס איז דער ייִד אזוי מיד?..

אוואדע פארדינט ער דאָס קאפּעלע
אוילעמהאזע,
אין דעם גרינוואלדיקן שטעטעלע עלווע.
ווילטיק דאָ אָנטאָן זיך לאָזן
בא די שיינע אָזערעס, ווי שפּיגל,
בא זויערמילך א פרישן קריגל,
בא שאָטנדיקן בוים אלע דײַגעס פארוויגן.
ארום יעדער סאָסנע, קיין אײַנהאָרע, א ייִד,
ווער ווייסט פון וואָס איז דער ייִד אזוי מיד?..

א מאטאָנע

כ׳וועל דיר אָפּשיילן די לעוואָנע
און אַף א טעלערל ברענגען,
פון איין שטערן צום צווייטן א שטריק צעציִען,
דײַן העמדל טריקענען צעהענגען.
די וואָלקנס, ווי שעפעלעך אין שטאל, כ׳וועל פארשליסן,
גאנצפרי מיט א שטעקן איבערן הימל זיי טרײַבן,
וועט א רעגנדל גיסן.
מיט דער בלויקײַט פון הימלען
וועל איך א ליד וועגן לעבן דיר שרײַבן!

פון אלע פלויטן

איך בין געשטאָרבן
און ניט געהאלטן אין די הענט
קיין געלט,
כוץ א פּאָר אָפּגעריבענע גילן,
בא מיר איז שטענדיק
אין די קעשענעס געווען א ווינט,
כ׳האָב ניט מוירע געהאט, מײַן געלט
זאָל זיך פארקילן.
מ׳האָט מיך לאנג
צו קוורע ניט געוואָלט ברענגען,
איז עמעצער
אפן סייכל געפאלן
מײַנע לידער אף אלע פלויטן
צעהענגען,
וועט זיך עפשער ארומקוקן די וועלט,
מע טאָר דאָך ניט
שפּײַען אין פּאָנעם קיין טויטן,
לאָמיר אים קויפן
א וואָלוול שטיקל ערד אין עק פעלד,
טוט א קוק, ווי דער ווינט
רײַסט זײַנע לידער
פון אלע פלויטן.

* * *

כ׳בין אין דעמב ניט אנטוישט,
כאָטש ס׳לאָזט צורו אים די האק ניט;
גרינט ער און רוישט
און איז ניט אנטוישט,
א בוים — און האָט מײַן כאראקטער.

אלע שטורעמס אויסשטיין ער מוז
און שטיין איינזאם אין פעלד ניט געבויגן,
א בוים — און ס׳לאָזט צורו אים די האק ניט;
נאָר טוליען זיך וועט נאָך צו זײַן ברוסט
א פויגל!

אלע טרוימען אין זײַן רעשוס,
אין אלע פײַערן ער פלאקערט;
אונטערשיידן זיך אויסלערנען געמוזט
צו דערקאָנען, ווען די האק פליט
צו זײַן ברוסט —
און ווען ס׳פליט אַף נאכטלעגער א פויגל.

* * *

אף א גאָלדענער מיטע
מע וועט אונדז צום קייווער
ניט טראָגן,
די זון וועט פלאַפלען,
אף אירע פידעלעך שפּילן
און אויסזינגען דעם אלטן ניגן:
א נאר געווען ביסט פון וויגל
און א שטראלכל אין די הענט
געוואָלט כאַפּן —
און שלעכט אָפּגעשניטן.
עפן די האנט און פארשליס זי,
דאָס שטראלכל וועסטו ניט פאנגען;
גוט כאָטש, וואָס אליין ווי א ניגן,
דו ביסט צו דער צײַט דערגאנגען.

באַם יעניסיי

ווי איך מיט מײַן סייכל פאַרשטיי,
געווען פראָסט דער פאַרטראַכט
פון וועלט־באַשאַף, ווי צוויי מאָל צוויי:
גאָר די וועלט — איין באַרג שניי,
אונטן אַ טײַך, לעמאָשל, די אַנגאַראַ,
צי דער „שייני לעמיילעך"
פון אַלע טײַכן — דער יעניסיי —
און אָט האָסטו ס'וועלטל,
צי איז עס דיר קאַרג?
זײַנען אַלע מאַלאָכים געווען קעגן:
ס'טוט אַ בלאָז אַ שטאַרקער ווינט,
אַ וויכער, צי אַ רעגן,
די זון הייבט אויף זיך און פײַער
אַף אַ קאַרטאָפל בראָטן זיך, צינדט,
איז אויס וועלט — אויס באַרג שניי?!..

דעמלט קיין גראָשן די ווערט
אַזאַ בעעמעס זינלאָזע מעלאָכע,
דעם פּראָעקט דערטרינקען די מאַלאָכים.
איז אַ געדאַנק געווען שאַפן די וועלט
ניט פון פראָסט און ניט פון שניי,
ניט באַ דער אַנגאַראַ, ניט באַם יעניסיי,
דאַפקע ערגעץ באַ אַ יאַם גראַדע —

פון פעלדזן און שטיינער.
איז אָבער ניט געווען קיינער,
ווער ס'זאָל טראָגן אַף זיך שטיינער —
ליגן זיי איצט באַם יעניסיי.
דער דריטער פארטראכט מער געפעלט מיר,
גאָר די וועלט באַשטייט פון איינע וועלדער,
ווו מענטש און כּיַע לעבט,
מיט ליבע־פלאַם רימט גאָטס ווערק —
מיט הערצער העלישע, טריַע;
דאָך — ס'טויג ניט. דער מענטש,
ער וועט אומברענגען אפילע די שטילסטע כּיַע;
און דאַן איז דער שעפער
געוואָרן ווי טרויעריק,
אַף כּויזעק באַשאַפן די וועלט,
צי אינגאַנצן ניט דערבויען זי?..
א האַלבע נאַכט אָפּגעזעסן, מיסטאַמע,
ניט ווייניקער, ווי ביז אַזייגער צוויי.
דערנאָך פון דעם הימל
אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד א קאָנטיינער
מיט בערג און מיט וואַלד, מיט יאַם
און מיט שטיינער.
און די מענטשן? — דאָס האַרץ
זאָל אים אַזוי ניט ווײ טאָן פאַר זיי —
א גאַניידן ער שאַפט באַם יעניסיי.
און דאַפקע סיביר. פראָסט און קעלט,
ווו איַז פון דיַן אָטעם טיַעט.
געבוירן געוואָרן אָט די ריזיקע וועלט,
וואָס וועקט ניט אינעם מענטש קיין כּיַע.

דער בארג

ווײַט, ווײַט איז דער וועג צו זיך
און פֿאַרוואַלגערט מיט שטיינער,
גיכער קיין סאַכאַלין
מע קומט פֿאַר דער צײַט,
צו דער בײַקאַלער אָזערע דער ריינער.
און צו זיך איין לעבן איז קאַרג
אַף צו קומען און אויסגעפֿינען
דאָס שטערנדל, וואָס באַהאַלטן
ס'האָט אין זיך דער בארג,
וואָס רירט מיך קעסיידער פֿון זינען.
אַ כעזשבן־האַנעפּעש מיט זיך,
מיט דעם זין פֿון מײַן זײַן
און פֿון מײַן פּלוצעם ניט ווערן.
איך טעסע דעם בארג,
גראָב טיף זיך אַרײַן
מיט מײַן גרויסן צעאַקערטן שטערן.
און דערפֿיל מיטאַמאָל,
ווי קורץ איז די צײַט
און ווי ווייניק געפֿונען ליכט
ס'האָבן מײַנע האָריקע הענט.
ווײַט, ווײַט איז דער וועג צו זיך,
און אַף צו קומען

איין לעבן איז קארג!
נאָר איך האָב אנדערש ניט
געקענט, —
בלויז גראָבן און גראָבן
דאָס הארץ פונעם אייביקן בארג.

כאַדאַקעס

כאַדאַקעס, אין יִדיש — מעראַגלים,
זײַנען צו לעבינען געקומען;
ניט יענע פון כומעש,
וואָס האָבן ווײַנטרויבן א הענגל
געטראָגן אין לאַנד אַף א שטעקן,
נאָר די, פון צאַריצינער דערפער,
פינצטערע, הונגעריקע, ענגע,
די, פון טשוגויעוו, טאַמבאָוו, קאַלוגע,
וואָס האָבן געבראַכט אין קרעמל
זשמיכע־ברויט א זעקל.

אויגן פול מיט צאַר און אומעט,
הערצער, טליִענדיקע וווּנדן,
צעפּליקטע, ווי זייערע פּאָסטעלעס,
וואָס מיט ליקע איבערגעבונדן.

אַזויפיל דײַגעס, אַזויפיל פראַגעס
אין פּאָלעס, אין סערמיאַגעס.
כאַדאַקעס. ניט יענע פון כומעש,
דאַרע און לאַנגע מעראַגלים.
פול דאָס פּאָלק מיט מאָזלען און פּאָקן.
נאָר ווי ביימער ארום איליטשן
וואַכן די כאַדאַקעס.

זיי האָבן אים טיף געקוקט
אין געזיכט,
אייצעס געפרעגט. און טראָפּנדלעך ליכט
האָבן געצונדן זייערע שנייִקע בערד:
ווען וועט דער רוסישער פֿויער
אופֿהערן ווייקן מיט טרערן די ערד?

און איליטש,
ער האָט מיט דער נעשאָמע זיי געהערט;
א מילכאָמע קעגן אלע מילכאָמעס,
קעגן יענע, וואָס רויבן באַם פֿויער
דאָס בלוטיקע פּאסיקל ערד!
אָ, די נײַע טקופֿע איז ניט קיין פֿערד,
וואָס צוגעבונדן שטייט אין דרויסן
באַם טויער.
ווי אײַז אף דער זון
צעגיין וועט דער אייביקער טרויער,
ווען אופֿהערן כאָלעמען וועט זיך
דעם פֿויער
דער נעכטיקער טאָג אף זײַן ערד!

און ס׳האָט שוין אין דרויסן געהאלטן
בא טאָגן,
ווען די כאָדאָקעס
האָבן פֿון קרעמל
דעם אוקאז וועגן ערד
מיט זיך אין די זעקלעך
אהיים געטראָגן.

די מוטער

איר זון איז געוואָרן פעלד,
ווען ער איז באשיצן די שטאָט געפלויגן.
גייט זי, די מוטער, אוועק צום פעלד
און זעט דאָרט די שיַין פון זיַינע אויגן.

— מאלעך דו מיַינער, — זאָגט זי צום פעלד, —
ווען איך האָב דיך געזויגן,
דיַין טאטע געבראכט האָט מיר אין שינעל
אן עפעלע מיט זון־אופגאנג באצויגן.

געוועזן אויך דעמלט יאָרן פון קריג,
אָקאָפּעס אין פיַיער — געוועזן דיַין וויג.

געדענקסט, ווי דערנאָך ביסט געוואקסן?
ברייט ווי א דעמב דיַינע אקסל,
די ביינער — פול מיט זון,
הארציקער זון.

פארפינצטערט מיר ווערט מיַין זיכּאָרן:
ווען דו ביסט אן אָדלער געוואָרן,
דיַין טאטע געבראכט האָט מיר איינמאָל פון פעלד
א זשמעניע מיט קאָרן.

ווי פֿל, געזאָגט האָט ער, כ'האַלט אין דער האַנט, —
אַזויפֿיל לאָמיר ווינטשן אים יאָרן.
צי ווייניק געווען אין דער האַנט זײַנער קאָרן —
ביסטו אַ פֿעלד געוואָרן,
נאָר וויפֿל פֿאַראַן אינעם פֿעלד איצטער קאָרן —
אין הערצער אַזויפֿיל פֿאַרזייט ביסט געוואָרן.

אַף אייביקע יאָרן.
אַף אייביקע יאָרן.

די שפּעטע קווייט

דער פראָסט זאָל קושן אזא צארט וועזן,
מיט מײַנע הענט כ׳וואָלט אים דערשטיקט,
ניטאָ קיין גוטער גאָט און ניט געוועזן,
די קווייט אין איר זילבער־קלייד
טויט אין ווינטער־גאָרטן ליגט.
צי איז עס די מאָס פון אירע זינד
פאַר אזא אומווירדיקער שטראָף?..
ס׳טוט נאקעט זי אויס דער ווינט,
אזש די הימלען פון בושה זיך פארבן,
ווער ווייסט, וואָס באם ראנד פון איר סאָף
די קווייט בעט פאר איר שטארבן?

דער הימל זאָל צעוויקלען זיך ברייט,
זײַן נאָענט זאָל מיט איר יענער שטערן,
מיט וועמען אפילע דער טויט ניט צעשיידט,
פארקערט, דאָס איז קאָן צעגאנגען ווערן,
ווען די ליבע איז ניט מיט ווײַסע פאָדעם גענייט.
אין ווינטער־גאָרטן מײַן מאמע שטייט
און לייגט אײַן די וועלט:
טאָכטער מײַנע, שפּעטע פײַערדיקע קווייט,
דעם גאנצן ערדקײַלעך וואָלסט מיט ראָסע
פארגאָסן,
מיט דער זון צוריק די אויגן אופגעשלאָסן,

ניט שרעקלעך איז דער ווינטער און די קעלט,
שרעקלעך איז, וואָס א האלבע וועלט
איז אײַנגעשלעפּערט און דערפרוירן —
יענער הויכער לויטערער שטערן איר פּעלט,
דער פרילינג, וואָס זי האָט אין וועג פאַרלוירן.

אין וואלד

א וועווערקע האָט אינדערפרי
פאַרזוכט א בלאַט,
געטאַנצט פון בוים אַף בוים.
כ׳האָב דאָס כײַעלע פאַרגעטערט,
נאָר, ווי דו ווייסט,
עס איך ניט קיין בלעטער
ניט אַף פרישטיק און ניט שפּעטער,
ווען די זון מיט א רייפעלע
גאָלד דעם וואלד באַזוימט.
און דערצו איז גלאַט
ניט גוט, ווען פּאָעטן
טאַנצן פון בוים אַף בוים,
ווען די זון מיט א רייפעלע
גאָלד דעם וואלד באַזוימט.
פּאָעטן דאַרפן לעבן אַף איין בוים.

אף איין פוס

אף איין פוס שטייט דער פויגל
בא א יאם אזא גרויסן —
ס׳איז הארבסטיק און קיל און דרויסן.
אונדזער פויגל לאָזט אראָפּ דעם פוס
דעם צווייטן.
איך שטיי אויך אף איין פוס
בא מײַן טיפן ווייטעק —
ער איז אומענדלעך. כ׳האלט ניט אויס,
און, ווי דער פויגל,
איך לאָז פֿון אונטער מײַן פליגל
דעם צווייטן פוס ארויס.

מײַן שטוב

װײַל מײַן שטוב האָט אָפּגעברענט,
קויף איך פֿאַרן לעצטן העמד
אַלע שענסטע פֿאַרבן
און מאָל צוריק מיר אויס אַ שטוב
אין שטעטעלע מײַן האַרבן.
קומט קיין שטוב אַלץ ניט אַרויס —
אַ העמד מיט לאַנגע אַרבל.

װײַל אין פֿײַער מ׳האָט מיך געברענט,
פֿון לײַב דאָס העמד —
ניט אין הימל־פֿאַרבן,
מאָל איך צ׳ריק מיר אויס מײַן העמד,
קומט אַ שטוב בײַ מיר אַרויס —
כ׳זאָל אינדערפֿרעמד ניט שטאַרבן.

און פֿון טרוים די שיינע װענט
צעשאָקלען מער איך װיל ניט.
איך מאָל מײַן שטוב און מאָל די װענט,
און דאָס העמד איך צעשפּיליע
און פֿאַרוק אין דעם מײַן צאַר.
בלויז מײַן כאָלעם לאָז איך שװעבן,
און אויב ניט פּלאַצן ס׳װעט מײַן האַרץ,
איבערקנעטן װעל איך מײַן לעבן.

מאָלן וועל איך טאָג און נאכט
יענע צײַט מיט טיפע קארבן,
סײַ מײַן שטוב, וואָס האָט א דאך,
סײַ דאָס העמד מיט לאנגע ארבל.

ווינשעלעך

איך סטאַרע זיך יעדן זומער
אופּעסן איין ווינשל,
וועט אַלצייַנס זיך אָנקלייַבן
א גאַנץ שיסעלע —
און מיר וועט גענוג זייַן שוין
אופּעסן א זיבעציק ווינשל —
און נאָך א ביסעלע,
וועט א ווינשל־בוים
איבער מייַן קאָפּ שוועבן —
און גליקלעך זייַן שוין
כ׳וועל מיט מייַן לעבן.
איך סטאַרע זיך יעדן זומער
אופּעסן איין ווינשל.

באם יאם

הירשעלעך שפרינגען צום יאמישן ברעג,
פרעג איך, צי פרעגן באם יאם איך מעג:
וואָס זשע — האָבן זיי מער נישט
ווו צו הוליען און שפרינגען?

ענטפערט דער יאם מיר: — יינגל,
שפרינגען מע דארף, ביסקל ס׳שפרינגט זיך,
זינגען מע דארף, ביסקל ס׳זינגט זיך.
און נאָכדעם די זון פאלט אריין אין יאם —
און דאָס איז דער זין פון לעבן מיסטאם?!..

מיטן ערשטן דונער

געשלאָפן מײַן װײַטעק
מיט מיר אונטער איין דאך,
ער איז דען געשלאָפן?
װי נאָר די אויגן איך פאַרמאַך,
האלט ער די אויגן אָפן;
געצויגן האָט לאנג זיך די נאכט,
ביז די ערד
האָט װי פון א דונער
גענומען קראכן,
איז מײַן װײַטעק
מיטאמאָל אין דרויסן ארויס,
די פענצטער
פארגעסן פארמאכן.

דער בוים

וואָס נאָך קען טאָן דער בוים,
ווען דו קומסט מיט דער האַק
צו זײַן שטאַם? —
ער צינדט אָן פאַרן טויט אין רוים
די קרוין זײַנע אין פלאַם
פון דער זון, וואָס דערברענט.
איך וואָלט אויך אַנדערש שטאַרבן
ניט געקענט.
מײַן געזאַנג איז אין רוים
מיט דער זון, וואָס דערברענט.
מע זאָגט: שטאַרק איז דער,
בײַ וועמען די האַק איז אין די הענט.
דאָך רים איך דעם בוים,
וואָס האָט, שטאַרבנדיק, זינגען געקענט.

מײַן גאָרטן

מײַן גאָרטן קליגער איז פון מיר,
כאָטש איך בין עלטער.
ער אנטוישט אין לעבן זיך זעלטן,
און קלאָגט נישט אויס זײַן הארץ אף פאפיר.
זינגט. און זײַן געזאנג איבער מיר
געוועלטיקט.
לעש די ביימער הארבסט,
צינדט אָן זיי מײַ —
ער האָט אויך א ביסל פראָסט
און שניי אין הארץ
און איז גליקלעך סײַוויסײַ.
איך קום און לערן זיך בא יעדער בוים,
כאָטש קענען שטעלן מײַן אונטערשריפט
אין רוים,
זיך אָנכאפּן בא די ברעגן פון מײַן טרוים,
אָן וועלכן כ'וואָלט אומגעקומען.
כ'האָב ליב פון די ביימער די גרינע ארבל
זומער,
ווינטער פון יעדער שטאם די קראפּט
און ווידערשטאנד גרויסן,
ער אנטלויפט נישט, מײַן גאָרטן, פון דרויסן,
ווען דער ווינט אין פאָנעם איז שארף,
און סע פײַערן די קעלטן,

מײַן גאָרטן קליגער איז פֿון מיר,
כאָטש איך בין עלטער.
ער אַנטװישט אין לעבן זיך זעלטן,
און קלאָגט נישט אױס זײַן הארץ אױף פּאַפּיר...

דער פּאָפּוגײַ

װאָס טשיכעט ער, דער פּאָפּוגײַ,
זײַן יונגע פֿרוי
און פֿאַרביטערט איר דאָס האַרץ
אַ גאַנצן פֿרימאָרגן?..

זי איז דאָך אים מער,
װי אַ װײַב צו איר מאַן —
ערלעך און געטרײַ,
און טראָגט אין די פּעדערן
קיין סאָד נישט פֿאַרבאָרגן,

און װערטער זי האָט
אײַנגאַנצן דרײַ:
געליבטער, ליכטיקער, באַשערטער.
און שװער איז, װײַזט אױס,
דערפֿאַר דעם פּאָפּוגײַ,

װאָס אַ גאַנץ לעבן ער רעדט
און אױך אין ליבע זיך דערקלערט ער
מיט פֿרעמדע װערטער...

וואָס מיר איז צום האַרצן

א שאַרפע וויוגע אין געזיכט,
פון ערשטער פרילינג־בלאַט א טראָפּן ליכט,
א זוניק העמדל און פּראָסטע שיך,
און אין א קעלער אָנצינדן ליכט.

א וואָג מיט פּינקטלעכן געוויכט —
פּאָעטן זאָלן די גראַמען אַף איר װעגן,
א בליק א לויטערן פון מײַן מאַמעס געזיכט,
זי זאָל לויכטן, ווי א זון מיט א רעגן!

דער „פּרײַנט"

די קאַפּיטאַליסטן דערקלערן זיך אָפּט אין ליבע דעם אַרבעטער־קלאַס.

פון צײַטונגען

מיר איז שוין וואַרפן די אַרבעט שווער
און צו שפּעט.
מײַן לעבן איז ענלעך
צו אַ פּאַס מיט אַ ברעט,
אף וועלכער סע הוידעט זיך אַ מענטש
און אַ בער.
אַרוף און אַראָפּ,
צום הימל און צו דר'ערד,
איז עפּשער ניט גוט? —
ס'איז גוט!
נאָר די פּאַס
ווערט פול מיט בלוט,
ווען קושן זיך וואַרפט אפן האַלדז דער בער.

דער פּארקן

גיי גיב אײַן אין געריכט
אַף אונדזער אַלטן פּאַרקן,
וואָס בײַט זײַנע פאַרבן,
און אַף אונדזער אַלטער שטוב,
וואָס איז ניט געסטײַעט אומגעריכט,
און אַף יענע אַמאָל צעהאַנגענע קריגעלעך
און קלינגענדיקע שיינע טעפּ,
וואָס זײַנען זיך פון פּאַרקן
מיטאַמאָל צעפלויגן
פון שטורעמווינט שטאַרקן.
גיי גיב אײַן אין געריכט
אַף מײַן טאַטן,
וואָס איז צו דער אקיידע
געגאַנגען ניט געבויגן
מיט אַזויפיל גלויבן
און ניט אויסגעלאָשן ליכט
אין די צאַרפולע אויגן.

גיי גיב אײַן אין געריכט
אַף דעם באַרג אָש
פון אונדזער אַלטער שטוב
און אַף דעם שטעכיקן ווינט,
וואָס האָט א פאָלק

געקאָוועט אין פּראַסטיקן קלעם.
ביז איצט שטייט אָפן
פאַר מײַנע אויגן
דער וועג צו יענער גרוב,
וואָס מײַן טאַטע
האָט אליין פאַר זיך געגראָבן
באַם אַלטן פּאַרקן
מיט זײַנע מיסע־מעשונע־פּאַרבן!
אַלע נאַכט כאַלעמען זיך מיר
סטײַעס שוואַרצע ראָבן,
און ס׳נעמט אַלץ מיך אַרום
מײַן טאַטנס קלאָר־ווײַס העמד
מיט די געפרוירענע לאַנגע אָרבל.

כ'האָב גאָרניט אויסגעטראַכט...

כ'האָב גאָרניט אויסגעטראַכט,
אַז שענער פון דײַנע אויגן
זײַנען בלויז פון צווײַגל
נאָך ניט אַראָפּגעפאַלענע פלוימען,
אַז די האָר דײַנע זײַנען ניט קיין רויך,
נאָר אַ פליגל פון אַ גאַלקע
אויף אַ ווײַסן קוימען.
אַז דײַן האַנט איז פול מיט ליכט
און דער אַקסל דײַנער לײַכט.
כ'האָב גאָרניט אויסגעטראַכט,
אַז אַ שטיין איז מײַן האַרץ
אינדערמיט פון אַ טײַך,
און אַז אָפּרוען זיך זעצן
קאָן אויף אים אַ געפלאָגטער פויגל.

די וועלט, אזוי ווי א טיש...

וואָלט איך געקענט
די וועלט, אזוי ווי א טיש,
א רוק טאָן צום פענצטער,
דעמלט, ווען דער הימל
איז אויסגעוואשן פריש
און די זון יאָגט
פון דער ערד
אלע נאכט־געשפענסטער;

וואָלט איך געקענט
די לעוואָנע, וואָס העלט
און שוועבט אין רוים צעשראָקן,
אונטערלייגן דער וועלט,
וואָס איז, ווי א טיש
אזוי צעשאָקלט, —

איז די לעוואָנע
מיט וואָלקנס פארשטעלט —
ווײַט, ציט׳ריק און קליין.

לייג איך אליין
זיך אוועק, ווי א שטיין,
אונטער א פיסל פון טיש,
פון מייַן וועלט,
וואָס זיך שאָקלט!

שויטע בען פיקהאָלץ

פון מיר מאכן א טאבורעטקע
און זיך שטעלן אף איר מיטביידע פיס,
קעדיי דערלאנגען
אף דער ליימענער פאָלקע
א, קריגל?!
אַ, שויטע בען פיקהאָלץ,
דײַן ארבעט איז אומזיסט!
גאָר אנדער בלוט אין מיר פליסט.

פון מיר דו קענסט
שניצן א קינדער־וויגל,
א שטײַגל
פאר א היימלאָזן פויגל,
פאר א פאָלקס־שרײַבער
א טישל.

און בעסער פון אלץ —
מאך פון מיר א טאָפּאָרישטשע![1]
ועסטו האָבן א האק
אין די הענט

---

[1] א הענטל צו א האק.

קעגן פינצטערע כמארעס,
וואָס צן דײַן קאָפּ גרײַפן.
איך בין א דעמב,
א דעמב, וואָס אין אלע פײַערן
מ'האָט געברענט,
און וועל שטיין אף לעבן
און טויט,
ביז ביטערע ווינטן
אין די צווײַגן פײַפן!
און אויב מע דארף —
מאך פון מיר א טאָפּאָרישטשע!

א צווײַגל

כ׳בין נאָך אַלץ אַ צווײַגל אין בליט.
און דו זאָגסט — אַ גרינער ייִד,
וואָס קאָן ניט דערלאַנגען
צום קירבעס אויפן דאַך
און וויל נאָך באַשיסן מיט אַ יוגנט־ליד
די שטערן, וואָס די זומער־נאַכט
האָט אין גרויסן הימל צעהאַנגען.
כ׳בין אַוואַדע אַ צווײַגל
מיט אַ טיפֿן מעסער־שניט,
אַ צווײַגל, וואָס דער ווינט האָט געבויגן;
כ׳ווייס גוט, ווער ס׳האָט מיר געבראַכט
אַ לעבעדיק זינג־פֿייגעלע
אין שטײַגל
און ווער ס׳האָט אויסגעשטאָכן
דער פֿינצטערניש די אויגן.

איך לעב אף דער ערד

איך לעב אף דער ערד,
ווי א ציט׳ריק בלימל,
און דארף אלעמאָל קוקן,
צי שטיל איז אין הימל.
אָנשטאָט זיך שפּילן אין פעלד
מיט דעם גאָלדענעם זשוקל,
וואָס זויגט האָניק פון בלימל,
צעשאר איך דאָס אש אין מײַן הארץ
פון דער שטאָט כיראָסימע!..

די וועלט זאָל ניט ווערן
קיין קײוער, כאָלילע, —
וועט ניט העלפן
קיין טרער און קיין טפילע.
יעדער קעלער מיט געווער
קרענקט מיך און קימערט,
אף יעדן טויער איך ווער
א שלאָס מיט א כסימע!

צעבראָכענער גאָט

צעבראָכענער גאָט מײַנער, טו טשוווע אצינד,
שלאָף אף שטיין און פאסט טאנייסים.
ביסט געזעסן דאָרטן אויבן אף דײַן
קיסיי־האקאָוועד,
ווען געשיילט די הויט מ׳האָט פון מײַן קינד,
ווען קיין גריבער האָבן ניט געסטײַעט
אף באהאלטן די געדולדיק ווארטנדיקע מייסים.
טו טשוווע, שיט אויס אש אף דײַן קאָפּ
און יאָמער מיט צאר און גרויל...

דײַן נאָמען בארירן וויל ניט דאָס מויל,
קיין טפילע איך קאָן דיר ניט ברענגען,
צעבראָכענער גאָט מײַנער, ביסט אלמעכטיק,
נאָר ניט אין דײַנע טויערן איך נעכטיק.
איך פלי אין א זוניקן שליטן איבער דער ערד,
איך וואקס אויס דאָרט, ווו מע שמידט קעגן
טויט געווער,
קיין טפילע איך קאָן דיר ניט ברענגען!

דער שלײַפֿער

כ׳בין דעם שלײַפֿער מעקאַנע:
ער האָט מעסערס אַזויפֿיל
און האָט ניט קיין סאַנים.
און די פֿונקען, וואָס שפּריצן
גלײַך אים אין פּנים,
זײַנען אויך קיין סאַקאַנע,
ווען ער שאַרפֿט די לעוואַנע
אין אַקשאַנעס פֿון שטיינער.
איינס בלויז איז שווער אים —
די שטיינער צו טראָגן
אויף די געשלײַפֿטע ביינער.

וואלד

אריַינגעלעבט האָט דער וואלד
א שיין ביסל יאָרן,
שוין אלט, וויפל דער הימל מיסטאָמע,
דורכגעלעבט בייזע געוויטערס,
שיידים־טענץ און מילכאָמעס, —
טוט איצט קיין צוויַיגעלע אף קיין בוים
קיין ציטער,
שטייט ער, דער וואלד, א שטילער אין שניי
און זוכט פאר זיך שטערן א פּאָר...
גאָט מיַינער, ווי איך האָב ליב, ביז וויי,
דעם מיטאמאָל אין וואלד אנטפלעקטן פרילינג,
פון ערשטע פייגל דעם געשריי,
מיַין פלוצעם בלינד ווערן פון בליץ
און דאָס עפענען די אויגן
נאָכן דונער,
ווען דאָס הארץ
גיסט זיך איבער פון העלקיַיט,
דער זיקאָרן קורץ ווערט,
ווי דאָס ווײדעלע באם קליינעם סאָלאָוויי;
איך פארגעס אין פוילן בלאט
פון הארבסט,
איך געדענק ניט,
אז אף דער וועלט

פאראנען איז אויך וועלקונג...
נאָר כ׳האָב געזען דעם וואלד
אויך שפּעט אין הארבסט.
ווען יעדער טראָפּן ליכט
ווערט אים, ווי דאָס לעבן, טײַער,
ער ווערט פארוואָלקנט, ווי א מענטש,
וואָס דערפילט די עלטער אומגעריכט
און שארט ארײַן אין הארצן
נאָך א ביסל פײַער.

זון

איך בין א שײַטער צי א ברונעם?
אויב א שײַטער, מוז ער ברענען,
קומט פון וואלד די זון צו גיין
און וואַרפט אונטער שפּענער.

און אויב א ברונעם, קומט מײַן ליבע
און צוויי פולע עמער ציט,
טריפן טראָפּנדלעך דעריבער,
ווי די טרערן פון א ליבע־ליד.

ס'האָט די זון זיי אויסגעלײַטערט,
און זיי לויכטן, ווי בורשטינען!
איך בין א ברונעם צי א שײַטער,
וואָס דו צינדסט אין פעלד באַגינען —

ער זאָל לויכטן און זאָל ברענען,
מאכן לויטער מײַן געמיט.
ס'וואַרפט די זון מיר אונטער שפּענער,
און מײַן ליבע וואסער ציט.

דער אופגאַנג פון דער לעוואָנע

שווער אַרײַנטרײַבן די געדאַנקען
וועגן אונדזער צײַט אין אַ שטאָל
און פאַרוקן מיט אײַזן דעם טויער,
שווער קענען לייגן פאַר קיילים
אויף אײַנזײַערן פאַר דוירעס
טעפּ, אָנגעשטאָפּטע מיט טרויער.

בעסער לייגן אַ בריק פון שטיין,
ער זאָל צום גאָלדענעם ברעג דערלאַנגען.
כ'בין הײַנט אַליין,
ווי די לעוואָנע, הויך און ריין
צו דער צײַט אופגעגאַנגען!

גאנצפרי

די מענטשהײַט וויל דען שלאָפן?
זי האָט ערשט פון שלאָף דערוואכט,
אראָפּגעוואָרפן פון זיך די שטיינערנע נאכט,
פון די אור־היילן ארויסגעלאָפן.

די מענטשהײַט פון שלאָף די אויגן רײַבט,
טרינקט פון גאָרטן, וואָס בליט,
און דער גאָרטן ליבע־בריוו שרײַבט,
דער ווינט זילבער אין אויער שיט!

די מענטשהײַט וויל דען שלאָפן?
זי האָט ערשט זיך אויסגעלערנט
ארײַנשטעקן אין דער ערד א זוים,
אָנצינדן א געטלעכן טרוים,
אָנכאפּן זיך אין הייכן פאר א צווײַגל שטערן,
פארשטיין דעם דונער, וואָס מיר הערן,
ווען דער רעגן הענגט נאָך אין רוים.

די מענטשהײַט וויל דען שלאָפן?
קאַין מיט א שטיין האָט זיך באוואָפנט
און יאָגט זי נאָך אין פרײַען פעלד,

ווּ די לעוואָנע הענגט אין הימל אָפן.
צי דען אף אומקום באשאפן איז די וועלט?

די מענטשהײַט וויל דען שלאָפן?
אין אירע פינגער טאָג־ליכט אייביק רינט,
ווער ווייסט, וואָס מיט אונדז וואָלט געטראָפן,
ווען מיר פארשלאָפן דאָס פײַער,
וואָס ארום אונדז מע צינדט?!..

די מענטשהײַט קאָן ניט שלאָפן!
זאָל גיין א רעגן, זאָל פאלן א שניי,
רײַס אויס דעם שטיין, מיט וועלכן קאַין
האָט זיך איצט ווידער באוואָפנט,
און דעם ליכטיקן מאָרגן אנטקעגן גיי!
ווערט לעבעדיק דאָס וואסער אין
ברונעמס.
רעדט מיט נעווע דאָס פרײַע פעלד —
ניט אומקומען וועט קיינמאָל די וועלט,
מײַן ערד — די הארפע מיט ווייצענע
סטרונעס.

שטאָט

איך האָב געקאָנט אונטערן צוג
פון מײַן דיכטונג
זיך אַף די רעלסן לייגן,
אַף באנאכט זיך אָנגיסן א טינטערל
טינט

און זיך זאָגן:
דאָס איז שווארצע קאווע
מיט פּוטער־בייגל,
מיט א קני צו דער ערד
האָט מיך צוגעשפּארט די נויט.
איצט ווייס איך, אז ריכטיק
געלעבט האָב איך
מיט מײַנע אלע טרוימען.
די שטאָט שמעקט מיט פריש־געבאקן ברויט.
און איך בין גרייט זיך קושן
מיטן רויך פון יעדן קוימען.

ברענג מיר א פענצטער

ווען ס׳וועט אויסגיין דאָס ליכט
פון מײַנע שענסטע מיט דיר יאָרן,
לייג מיר קיין קרענץ ניט.
ברענג מיר א ריפּטעלע הימל
פון איין טאָג א קלאָרן
און א ריין אָנגעגלאָזט פענצטער,
קאָנען כ׳זאָל איין מאָל אין וואָך
כאָטש א וויש טאָן די שויבן,
א קוק טאָן, וואָס טוט זיך
בא אונדז אף דער ערד, אויבן,
מיט איר כ׳האָב געלעבט, געטרוימט,
א ליבע געשפּילט ניט אף קאַטאָוועס.
פלאַנץ מיר צוקאָפּנס אן ערדישן בוים,
טו אָפּ אף טערקיש דעם מאלעכהאמאָוועס.

* * *

מעסט אויס די שטילקייט
און קייפּל זי אַף דער טיפקייט
פון אָט דער שטערנדיקער נאכט;
נעם אראָפּ א פערטל
פון דעם נעפּל,
וואָס אומזעבאר דעם גאָרטן מאכט;
גיב צו די וואָג פון די עפּל,
וואָס האָבן צו דער ערד
אלע ביימער נאָכן רעגן אָנגעבויגן,
און דערנאָך צעטייל
פאר אלע בלעטער
מײַנע טרערן פון די אויגן, —
וועסטו באקומען אין סאכאקל
מײַן יונגן, פרישן גאָרטן.
כ'האָב הײַנט געקושט זי דאָרטן.

די קריזע גייט

מיין ניט, איך לעב אין טעפּעלע פון איי
אָן בירגערלעכן יאָך, אָן פּאָטערלעכע זאָרגן:
א ווױנונג אין וואלד, בעריאָזקעס אין שניי
און איבער דער וועלט א שטילער פרימאָרגן.
מיין ניט, איך לעב בא געפרוירענעם יאם
און מײַן הארץ איז מיט רו באצויגן:
א ווױנונג אין וואלד, בעריאָזקעס אין שניי
און אייביקע בלענדעניש פון אײַז אין די אויגן.
די זון איז אין וואלד, און איך — אין איר ליכט,
און קיינמאָל איך האָב זיך פון איר ניט באהאלטן.
געפּלאצט האָט דער טײַך, די קריזע צעשפּאלטן,
און ס'האָט זיך מײַן הארץ צום לעבן גערירט.

אין גראָז

דעם קינד האָט די מוטער
באַוויזן יונג גראָז,
ס'האָט מיטן פּיסעלע געטראָטן,
און טוי האָט ווי פּערל זיך צעשאָטן.
— וואָס איז דאָס? —
האָט דאָס קינד געפרעגט
און געוויזן אַף דער קאָסע,
וואָס איז געלעגן אין גראָז.
— דאָס איז אַף שנײַדן
דאָס גראָז.
— צוליב וואָס? —
האָט דאָס קינד
אַ פינגערל
געשטופּט אין דער נאָז
און זיך פאַרטראַכט...
און די לעוואָנע
מיט אַ פּאַסיקל שײַן
האָט דעם קינד
דאָס מײַלעכל פאַרמאַכט.

נאכט

ווי ערשט פון טײַך
זעט אויס פריש די לעוואָנע באַנאַכט
און זי זיצט
קעגניבער מײַן הויז
אף א דאך
און זי קוקט אין מײַן פענצטער.

און מיר אין אָט דער נאכט
איז אזוי וווּנדערלעך לײַכט,
אלע שטערן
מיט מיר זײַנען וואך
און דאָס הארץ,
אָט שפּרינגט עס ארויס פון פענצטער.

א בוים כ׳וואָלט גענומען אף די הענט
און א פידל געמאכט,
פון שטערן אָנגעצויגן
די סטרונעס די שענסטע...
איך אײַל גיך,
ארײַנשטעקן די פיס אין די שיך,
גיי אין דרויסן ארויס אליין, ווי א ליכט,

(און מיטן בליץ פון מײַן אויג
די סטעזשקע באַלײַכט)

א קלאנגען־געמיש
פון הימל און ערד
מײַן אָנגעשפּיצטער אויער דערהערט —
איך טו א וויג זיך און א ציטער לײַכט,
ווי אין וואסער א פיש,
אין אָט דער אומפארגעסלעכער נאכט,
ווען אפן דאך
הענגט די לעוואָנע פריש,
ווי ערשט פון טײַך...

כאכאָמים

אַז מיר זײַנען אַלע כאכאָמים,
גלײבט מיר, װײס איך,
מיר װילן ניט שטאַרבן ערעװ פּײסעך,
שױן בעסער אין די יאָמים־נױראָים.

ערעװ פּײסעך אַנטלױפט שױן דער שנײ,
קינדער אין ניסלעך שפּילן —
די ערד קרעכצט פון איר זיסן װײ,
די בײמער נעמען אין מױל
דעם ערשטן פולן טראָפּן פרילינג!
און דער מענטש, װען די אױגן ער
פאַרשליסט —
איז כילעל־האַשעם,
כ'װיל ניט שטאַרבן ערעװ פּײסעך —
און אױך אין די יאָמים־נױראָים.
קײן שום פאַרלאַנג ניט! —
בעסער, װען אין פעלד,
גיסן אָן זיך די זאַנגען —
שװער, פול און רײַף.
און דער, װאָס דאַרף
אַװעק אין װעג אין לאַנגן,
טוט מיט די פינגער אין מױל
אַ פּײַף:

— זײַ געזונט, מײַן װעלט,
ניט מיך, נאָר דיך באַשיטן
מיט קװײַטן און בסאָמים;
דער פֿרילינג האָט מיך מיט זײַן
גרינער פּלײצע פֿאַרשטעלט,
גוט געװען זײַנען אױך די יאָמים־נוראָאים!
כ'האָב פּרוכט געגעסן —
אין ניס געשפּילט ערעװ פּייסעך —
און ליבן און לױבן אונדזער ערד,
ניט נאָר ערעװ פּייסעך!
אַז מיר זײַנען כאַכאָמים, װײס איך,
נאָר פֿון לעבן אװעקגײן איז אַלצײַנס
שװער.

באם פינישן יאם

כ'האָב דערזען, ווי א פויגל
צופּט א פעדער
בא דער לעוואָנע,
פּיקט איין אויג בא איר ארויס
אף א יאם־שטיין
אף א גרויסן,
ווו די כוואַליע קאָכט און ברויזט.
ציפּסטו, צופּ! ווילדער פויגל,
שווער דײַן לעבן
איז, ווײַזט אויס? —
ס'האָט געדאכט אים, די לעוואָנע
איז אויך א פויגל
און פון מויל
דעם לעצטן ביסן רײַסט זי אויס!
שלעכטע זיטן
און זיך מישן
ניט געוואָלט כ'האָב ווען און וואָס,
דער פויגל פּיקט? —
כ'זע, ער טראָגט
אין מויל א פישל —
און די לעוואָנע אפן יאם־שטיין
אזא אָפּגענארטע ליגט.

דאָס פערד

מײַנע נעכט און מײַנע פֿאַרטאָגן
האָבן מיך אײַנגעשפּאַנט
אין אַן אָנגעלאָדענעם וואָגן
מיט כאַלוימעס און מיט הימל
און מיט פֿרישע בינטלעך זאַנגען,
און איך, ווײַזט אויס, דאָס פֿערד,
בין פֿון וועג אַראָפּגעגאַנגען
און דערפֿילט אַ הייסן רימען,
שיר צעטראָגן איך האָב דעם וואָגן.
מיט כאַלוימעס און מיט דעם טראָפּן
ריינעם הימל,
מיט די פֿרישע בינטלעך זאַנגען.
אויפֿן לײַב נאָך שטייט אַ סימען!
אָן אַ בײַטש און אָן אַ רימען,
וואַלגער אָן אויף מיר דעם הימל,
די כאַלוימעס — אונדזער אויצער
און פֿאַרמעגן, —
וועל איך אײַנשלינגען די וועגן.

קרוין מיך פאר דײַן קיניג

קרוין מיך פאר דײַן קיניג,
זײַן װעל איך דײַן קנעכט —
לאָז מיך זײַן אומזיניק
אין מײַנע יוגנט־נעכט.

צו א נײַ לעבן מיך באװיליק,
דאָס אלטע ניט צעברעך —
פאל אָן אף מיר, װי פרילינג,
מיט א צװײַג דאָס אויג פארשטעך.

לאָז מיך זײַן אומזיניק,
גערעכט און אומגערעכט —
דו ביסט דער טראָפּן פרילינג
פֿון מײַנע יוגנט־נעכט.

הער זיך צו, מײַן צװילינג,
דאָס אײַז אין טײַך זיך ברעכט. —
אין יאָר איז איין מאָל פרילינג,
און איין מאָל איז דען שלעכט?

* * *

לאָמיר שפּילן, טײַערע,
דו ביסט אַזוי צאַרט!..
האַלט די הענט,
כ׳וועל אַ וואָרף טאָן צו דיר מײַן האַרץ.
ניט ברי זיך אָפּ נאָר מיטן פײַער;
און מיר האָבן געשפּילט
מיט פאַרבונדענע אויגן,
מײַן האַרץ צו איר
און אירס צו מיר ז׳געפלויגן —
און זיך אויסגעלערנט
מיר האָבן דערפאַר
אין די הוילע הענט האַלטן זשאַר.
מע מעג מיט טויט
פאַר דעם אונדז שטראָפן;
אַ וואַלד זיך אָנגעצונדן
האָט דערפון,
באַם פאַרגיין און אופגיין
פון דער זון —
און מיר זײַנען
פון ברענענדיקן וואַלד
קיינמאָל ווי האָזן ניט געלאָפן.

קאָלסקער ערד

די זון אינמיטן דער נאכט
האָט זיך אין פענצטער
אריַינגעקייַקלט:
איך האָב זיך געשראָקן —
די קאָלסקער ערד
ארויס איז מיט א פייַקל
באגעגענען די מאטראָסן,
וואָס אומגעקערט
ס׳האָט דער יאם.
פון מאראָקאָ צי פון טוניס? —
זייערע הערצער
זיך שפאלטן, ווי קאָקאָסעווע
ניס!
וואָס מאכן די נעגער־שוואָטים,
דאָרט אף דער הייסער ערד? —
זיי קאָווען איין אָטעם
פון האס און שטאָל א קאלטע
שווערד...

ניט קיין מאלעך

איך בין דאָס פֿאַרהענגל אפֿן ווינט,
ווען דאָס פֿענצטער איז אָפֿן;

כ׳בין נאַריש און קלוג, ווי אַ קינד,
וואָס מיטן וואָרט האָט געטראָפֿן.

ניט קיין מאלעך מײַן ליפּ האָט געפּיקט —
פֿון בוים דאָס פֿרישע צווײַגל,

דערצו נאָך האָט מיר אָפּגעגליקט,
מײַן וואָרט האָט צעבראָכן דאָס שפּײַגל.

אונדזער ווײַנשלבוים

ס'האָבן די פאַלשע קאָרטנשפּילער
מײַן קערטל אונטערגעבויגן
און בא מיר א מאַיאָנטעק ארויסגעצויגן.
בין איך ווי א בליץ ארויס אין גאָרטן —
שפּילן די ביימער אויך אין קאָרטן.
אוי, אונדזער ווײַנשלבוים
זאָל כאָטש האָבן די טויז? —
סאָף זומער
געהויקערט און קרום זעט ער אויס,
נאָר טעשלט דאָס טעשל
אזוי געניט און שיין,
אזש קריצן איך נעם מיט די ציין.
און כאָטש אין דער קעשענע מײַנער
האָבן געפּלאַצט אלע נעט —
צי איך אויס די האנט
און א קאָרט איך בעט:
אף די גראָזן מיט פּערל,
אף מײַן הימל מיט שטערן,
אף מײַנע טרערן, וואָס גלאַנצן,
אף אַלץ, אף אינגאַנצן...
נאָך א שטיקעלע, אזוי, ווארט אויס —
איין און צוואנציק —
א צענטל און א טויז...

דײַן געשאַנק

...און אַט בין איך שוין מיט זיך אַליין,
דײַן געשאַנק אַף מײַן טיש — דער אוראַלער שטיין
מיט דער יאַשטשערקע.
מיט אים דײַן אָפּשייד געקאַשערט האָסט,
צי דען ניט געקענט האָסטו פאַרשטיין,
אַז כ'האָב אָן דיר זיי גענוג,
די שטיינער און די יאַשטשערקעס.
ביסט אוואַדע שיין און קלוג,
און אויך אַליין אַ שטיקל יאַשטשערקע,
איך דאַנק דיר פאַר דײַן געשאַנק,
לעבן מײַנס, — גרינע יאַשטשערקע!

דרײַ נעמען

מע שנײַדט אן עפּל אוף און זאפט סע שפּריצט,
מע זעט, די זון אין בערג איז אופגעשטאנען,
אין מײַן הארץ, ווי אף א שטיין איז אויסגעקריצט
מײַן מאמעס נאָמען כאנע און דער נאָמען דײַנער — כאנע.
ווען אינמיטן צווישןביידע טײַערע נעמען וואָלט
מײַן נאָמען ניט געשטאנען,
ליכט אין די אויגן גענומען וואָלט איך פונוואנען.
זאָל נאָך באשערט זײַן אויך אף ווײַטער די האנאָע
און דער כיין,
צעשיידטע זאָלן די דרײַ נעמען אונדזערע
ניט בלײַבן,
וועל איך אין הארץ מײַנעם, ווי אף בעסטן שטיין,
א דריטן נאָמען — דעם נאָמען פון מײַן פאָטערלאנד
פארשרײַבן.

אינווייניק

צי איז אײַך אויסגעקומען אמאָל
זײַן אינווייניק אין אומגליק —
ניט בא דער זײַט און ניט אפן דאך?
מע שיסט אין אײַך א גאנצע נאכט
און שטום ווערט
די שׂטים פון האָפענונג —
לעבעדיק ארויס פון שלאכט.
קוקט איר און וואַרט, ביז די נאכט
בא אלע פלויטן פארשווינדט,
ווי דער פרימאָרגן דיביימער צינדט,
ווי איר זײַנט אינווייניק,
אין אומגליק, ווו טויט מע שפירט;
און מיטאמאָל... א פענצטער און א טיר!
און קיינער יאָגט זיך ניט,
ווי קיין וואָלף, נאָך מיר...
ווײַזט אויס, אין יעדער אומגליק
איז פאראן א פענצטער און א טיר.

ליכטיקע פּאַראַלעלן

זאָל לעבן דער מיזרעך, ווי ער לעבט.
זאָל אַף מײַרעוו די זון
זיך לענגער פאַרהאַלטן;
איך האָב ליב דעם דאָרעם־הימל,
וואָס איבער דער ערד,
ווי אַ גאָלדענע פּאַווע
דעם עק זײַנעם שלעפּט,
דאָך טײַערער איז מיר דער צאָפן
דער קאַלטער,
ווען ס׳צינדן זיך העליש
די פּאָליאַרע נעכט,
ווען אין די צווײַגן
פון די הירשן־הערנער
פּלאָנטערן זיך וואָגיקע שטערן —
די ווײַט און דער פראָסט,
ווי זילבער מיך ברעכט,
אין לויטערקײַט
לעבן מיך לערנט.

הארבסטיקע לידער

איך בין ניט געוועזן קיין וואלד,
וואָס אוועק מיטן פײַער איז אומגעריכט.
כ׳בין ניט געוועזן קיין פעלד, געדיכט
צעאקערט מיט ראָזון און גריבער;
איך בין געוועזן בלויז א שטראלכל ליכט,
וואָס אינדערפרי אפן בוים פאלט —
און גייט אויס מיט די לידער פון ליבע,
וואָס יעדער פייגעלע אין מויל האלט.
הארבסט איז אין לעבעדיק געבליבענעם וואלד,
ברויט שטייט אין פעלד,
ווו געשטאנען זײַנען ראָזון און גריבער;
איך ליג אף א הויכן ווייצענעם סטויג פארשטעלט
פון וואָלקן און ווינט,
שרײַב צו זיך אין העפט ארײַן פייגלשע לידער.

דער צוריק־קער פון פייגל

אין פעסער און אין פלעשער
קענסט דעם טוי צעגיסן
פון די פרילינג־קווייטן
און דײַן דאָרשט אָפּלעשן!

קענסט, צום פלאַם פון מײַנע קווייטן
זאָלן פליִען אַלע פייגל,
וואָס אהיים פון ווײַט זיך קערן;
זעסט אין הימל פייגל־קייטן,
פריילעך וועט אין גאָרטן ווערן.
איך האָב ליב די פייגל־קייטן,
וואָס אין הימל דאָרט זיך שליסן,
אַף דער ערד ליב כ׳האָב קווייטן,
פײַנט כ׳האָב קייטן,
מ׳האָט מיט זיי מיך לאַנג געשמיסן.
שפּילן הער איך פרילינג־פלייטן,
די ניגונים זיך צעגיסן;
איך האָב ליב די פייגל־קייטן,
וואָס אין הימל דאָרט זיך שליסן;
אַף דער ערד פײַנט כ׳האָב קייטן,
ליב כ׳האָב קווייטן!
זאָלסט עס, כאַנעלע, קעסיידער וויסן.

פאַרשטאָט

דאָ האָט דער הימל
איבערגעקערט א פעסל טינט —
און אלע בעריאָזקעס
שרײַבן א דיקטאנט;
מע האלט ניט קיין קויל —
א שטיקל שטערן
אין דער האנט,
און מע זאָגט, אז שולדיק,
איז גאָר דער ווינט?!
ווי שטערן אין הימל
די אויסגעצייכנטע גרײַזן,
פארשווינדן גלײַך —
די אוראלער נאכט
איז מיט פײַערן פון
זיך גיסנדיקן שטאָל רײַך,
און אונדז דאכט, די זון
דאָ געבוירן ווערט,
אין דער אָזערע,
בא די בעריאָזקעס,
וואָס אין באהעלטערלעך
בא דער פאָרשטאָט
פארשײַט שפילן —
סײַ אָנהייב הארבסט,

סײַ ערעוו פרילינג —
צעשפּיליע
איך אַלע קנעפּלעך
פון מײַן זינגענדיק,
ניט געקראַכמאַלעט האַרץ.
כ׳האָב ניט מורע
זיך פאַרקילן!

פארנאכט

— כאנעלע, שפרייט עפּעס אונטער דעם הימל:
מיר האָט זיך געכאָלעמט, ער פאַלט...
— נאר איינער, אין הארצן
איז בא דיר דער הימל,
אין די אויסיעלעך דײַנע ער שטראַלט.
און יענער, וואָס פארטונקלען
די ליד דײַנע פלעג? —
יענער, ווי א פארוווּנדעטער וואָלף,
אין די בערג איז אוועק.
און דער, וואָס מיט כמארעס
געהאנגען איז איבער דײַן קאָפּ? —
ער איז אויך אין די טײַכן
און וועלדער צום אָפּגרונט אראָפּ!
— כאנעלע, שפרייט גאָרנישט אונטער דעם הימל —
ער וועט נישט פאלן מער!

איך לאך ניט, אָ, ניין!

וואָס קומט מיר ארויס
פון דעם, וואָס דו ביסט שיין,
אז איך בין איצט, מײַן טײַערע,
דאָ אליין.

וואָס קומט מיר ארויס
פון דעם, וואָס מיר זײַנען אמאָל
געקראָכן אין שיינעם גרינעם טאָל,
און פייגל האָבן איבער אונדזערע קעפּ געטרעלט
און א לעבעדיק טײַכל
האָט לעבן אונדז געקוועלט,
וואָס קומט מיר ארויס?..

אז איצט ביסטו ערגעץ
פארטרויערט אזוי
און טראַכסט, עפשער האָב איך
שוין אן אנדער פרוי

און קענסט זיך נאָך פאָרשטעלן,
אז איך לאך פון דיר.

אָ, ניין, דו ווייסט ניט, מײַן ליבע,
וואָס ס'טוט זיך בא מיר.

איך לאַך ניט, אָ, ניין,
גיכער איך וויין,
וואָס דו ביסט אַזוי ווײַט,
וואָס איך בין אַליין.

באם לעבן

איך זאָג דיר צו ניט נאַריש זײַן,
אַליין באַם לעבן אַלץ באַוואָרענען,
אַז שטעלן אַף מײַן פּלויט
זאָל זיך קיין וואָראָן ניט —
עפּעס נאַשן נאָך מײַן טויט
פֿון מײַן ירושה דער ליטעראַרישער;

איך זאָג דיר צו — מײַן אומאָרדענונג
אַליין באַם לעבן אַלץ באַזײַטיקן;
לידער „זיבעלעך" אין וויגעלע דערמאָרדן,
דעם פֿאָרהאַנג עפֿענען פֿאַר מײַנע ווײַטן.

און אויב, כאָלילע, ניט באַווײַזן כ'וועל,
פֿון בעט זיך אופֿהייבן ניט קענען? —
מײַן ניט־דערשריבענע ליד
ניט ברענג צו דער וועלט,
זאָלסט מיט האַסמאָדע זי פֿאַרברענען.

און ס'ביסל אַש אַרום אַ בוים
שיט אויס, און די ערד באַפֿרוכפּער,
באַ וועמען רײַסט ניט איבער זיך דער טרוים
אין סאַמע מיט פֿון זוכן?

מיט זון מײַן פענצטער איז באַזוימט —
דאָס האַרץ מיר וויל דערוואַרעמען;
אַ צווײַג איך בין פון לעבעדיקן בוים,
פון אים מײַן ירושה די ליטעראַרישע.

1972

* * *

איר האָט ניט קיין פארשטאנד קיינער,
ווי ס'הארץ מײַנס טוט מיר וויי!
נאָר צו קיין דאָקטער פירט מען ניט קיין שטיינער
און קיין קארדיאָגראמע מאכט מען ניט זיי.

זיי מאָלט מען אף שטויב איבער,
צי גאנצערהייט מע שפּארט אין מויער,
וואָס אף כאָרעווער גאָס מע בויט;
א טויב קומט צו פליִען, לייגט צו אן אויער,
און דער שטיין פארגעסט אין טויט.

ציט׳ריקע נעכט

כ׳וועל דיר אָפּגעבן אלץ,
און פאר זיך בלויז כ׳וועל איבערלאָזן
מײַנע ווּנדן, וואָס די צײַט
שיט איבער מיט זאלץ.
דאָס פײַער פון מײַנע ציט׳ריקע נעכט,
וואָס איך האָב צעבלאָזן
פאר דעם גרויסן, לעצטן געפֿעכט!

אף דער שארף פון שווערד געגאנגען,
מיט מײַן בלוט דאָס פעלד געזייט,
כ׳בין אין דײַן פענצטער געהאנגען,
ווען די זון אין יאם פארגייט.

און דערנאָך אזא פרישער רעגן.
איך זינג א הימן דער צײַט!
איין געשלעג נאָך איך דארף:
פאר יענעם הימל און פאר יענער ווײַט,
ווּ אף דער וואָג פון גערעכטיקײַט
מע וועט מײַן לעבן וועגן.

1972

קאָרטנשפּיל

ווען כ׳האָב זיך אויסגעלערנט שרײַבן,
איז דער מאַלכאַמאָוועס
געקומען מיט מיר אין קאָרטן שפּילן,
בא דער זײַט איז געשטאַנען
מײַן פּאָעזיע, מײַן שיין און ערלעך ווײַבל,
און ס׳האָבן געברענט אירע געפילן,
איך זאָל כאָטש ניט מאַכן קיין טאָעס,
ניט דערזען די קאָרט,
וואָס איז אונטערגעבויגן.
מײַן ליד האָט אַזעלכע צוויי
גרויסע און ליכטיקע אויגן,
צוליב איר שיר ניט אוועק
כ׳בין צו די אָוועס.
געוואָרן עלטער אין שרײַבן.
שרײַב איך קלענערע ווערק אַיצט,
און מײַן פּאָעזיע,
מײַן שיין און ערלעך ווײַבל,
מיך לערנט נאָך עפּעס אין לעבן באַמערקן.

1972

בעריאָזקעס

ווען מע פאַרקויפט זיי
אין קראָם ווי ליכט,
וואָלט איך געבעטן מיר א טוץ
בעריאָזקעלעך פאַרבינדן —
און פאַרטאָג אומגעריכט
זיי כאַנעלען באַם פענצטער
שטילערהייט אָנגעצונדן.
טו א בליק, כ׳וואָלט
כאַנעלען זאָגן געקענט,
מיר האָבן דען טונקעלער פון זיי
אין שניי, אין וויי,
געפלאַמט און געברענט —
נאָר ס׳האָט דאָס פייער
אונדז ניט צעטראָטן,
כ׳האָב כאַנעלען, ווי א בעריאָזקע,
פאַרפרעסט אין מיינע הענט.
אפן שניי האָט געציטערט
איר מיר שטענדיק נאָכלויפנדיקער
שאָטן.

1972

#ביימער

צי האָסטו אין וווילטיק געלעבט
אף דעם צוויי־און־נײַנציקסטן עטאזש,
צי האָסטו אין פּראָסטיקן פעלד געשטרעבט
צו א ליימיק שטיבל —
א קארטאָפל בראָטן אין הייסן אש;
צי האָסטו געקושט די שענסטע פרוי
צווישן ביימער, וואָס הייבן אָן בליִען;
געוואשן דאָס פּאָנעם מיט טוי
פון הימל דעם קלאָרן און פריִען...
אלציינס איז עס איצט ניט וויכטיק.
בעט בא די ביימער,
זיי זאָלן זײַן דײַנע ריכטער!..
צי האָסטו געלאָזט זיי פארדאָרבן,
צי האָסטו געוואָלט, די ערד
זאָל פון טריקעניש אָן זאפט שטארבן?
דו זע, ווי די זון זיך שפּארט
און זוכט דײַן פּאָנעם אין די צווײַגן.
און דיר זיך דאכט —
סע גייט דער ניטגוטער צו דײַן שטיבל,
קלאפּט אין דער טיר מיט שווערע שטיוול, —
— אײַל זיך ניט, יִנגל, ווארט!
דאָס האָט די פּאָטשט דיר געבראכט
פון דײַן יוגנט — פון כאנען א בריוול.

1972

* * *

נאָר אזוי מוז איך ליגן,
מיטן פּאָנעם צו דער סטעליע;
מיט מײַן הארץ זײַן כ׳מוז איידל,
ס׳זאָל ניט מאכן מיר די שפּיל,
כ׳קען אף די קני פאר דעם זיך
שטעלן,
אויסזינגען מײַן שענסטן ניגן,
נאָכדעם מעג שוין פינצטער ווערן
און די אגאָלע צופאָרן קען שטיל.

ווער וויל עס, אז צופאָרן
זאָל די אגאָלע
און טראָגן מע זאָל דיך
פון שטוב אף די הענט,
כ׳האָב כויווּעס
און מוז מיט דער וועלט
זיך צעצאָלן,
דו אײַלסט זיך,
ווי ס׳וואָלט שוין דאָרט
טאקע געברענט?..
דו מאך ניט די שפּיל
אינמיטנדרינען,

ביז דײַן שיפל זיך
ראנגלט
מיטן שטורעם אין יאם.
לייג צו א קאָמפּרעס זיך
פון ווערטער
און פארבן
פון צארטן באגינען,
געזונט וועסטו ווערן
מיסטאם.

1972

פילאָסאָפיע

שטארבן איז אויך א זאך,
נאָר סע ווענדט זיך ווען?
איצט — ניט!

דער מאנדלבוים בליט,
און די שטערנדיקע נאכט
פילט אָן דאָס הארץ
מיט אזויפיל גליק,
אז איך טו א טראכט:
ווען צום טויט
וואָלט געווען אפילע א גאָלדענע בריק,
איַיל איך זיך ניט קיין האָר!
ס'איז מיַין זאך.

פונוואַנען ווייס איך — ווען?

פונוואַנען ווייס איך — ווען?
כ׳ווייס נאָר, אַז איך קען
יעדער רעגע צומאַכן די אויגן,
און ס׳זאָל פון מיר אַף דר׳ערד
אַראָפּפאַלן דער רעגנבויגן,
וואָס געטראָגן כ׳האָב, און אַלע האָבן
מיך אַ פאַרקישעפטן געזען!
פונוואַנען ווייס איך — ווען?
און זאָל דיר דאַכטן — ס׳איז שוין געשען,
מײַן נעשאָמע איז אַפּגעפלויגן,
האָט גאָר די וועלט
מײַן לעבן דאָך געזען,
מײַן האַרץ און מײַנע הענט,
די אָפּגעברענטע פונעם רעגנבויגן.

1972

ייִעש

װען סע נעמט דיך דער הונט
פֿון ייִעש פּרעסן,
װאַרף אים אין קאָפּ אַ פּרעסל,
װעסטו װערן געזונט.
אים, אָט דעם הונט,
ניט נעם פֿאַר דער לאַפּע צאַרט:
מײַן טײַערער הונט,
אַף דײַן פּעגירע איך װאַרט.
אים די פֿעל
נעם אַראָפּ דאַפּקע,
װען ער האַװקעט,
אַז קײן שמעק טאַבעק
איז ניט װערט די װעלט.
אַ הונט בלײַבט אַ הונט
מיט אױערן,
אַזױ שװאַך מײַן געזונט,
דערצו נאָך אַף מיר לױערן?
פּאַרטײַע אײַך זיך ביז פּרי,
ביז אינגאַנצן מײַן האַרץ
איז נאָך ניט צעפּרעסן,
און מײַן בײזן הונט — מײַן ייִעש —
איך װאַרף אין קאָפּ אַ פּרעסל.

1972

מיט זיך אליין

ווי עמפּינדלעך דער מענטש ווערט,
ווען מיט זיך אליין ער בלײַבט.
ס׳טעצעלע אונטערן גראַפין טוט א שפּרונג,
דאַכט אים: בא זײַן טיש ער הערט,
ווי עמעצער צו אים נאָענט זיך קלײַבט,
און ער שטעלט אַרויס דעם עמעצן א צונג...
ווער קוקט עס אין פענצטער זיך אײַן,
צי איך שלאָף, צי איך שרײַב? —
איך שלאָף ניט און שרײַב ניט. איך לייען!
איך בין שוין דרײַ וואָכן מיט זיך אליין.
כ׳גיי צו און איך עפן מײַן ברייט פענצטער,
טרײַב די מיר אויסגעדאַכטע געשפּענסטער:
— איר וועט דען אין דעם עפּעס פאַרשטיין?
ווי עמפּינדלעך דער מענטש ווערט,
ווען ער בלײַבט מיט זיך אליין.

1972

אן אָדערל

וואָס קאָן מען פֿאָדערן
פֿון אן אָדערל,
אין וועלכן א בלוטיק שנירעלע
צום הארצן פֿליסט;
מע קאָן פֿאָדערן,
ס'זאָל ניט פּלאצן גראדע איצט,
ווען מיט דײַן גורל
אזוי פֿארנומען ביסט
און אין דײַן גאָרטן
דיך זוכט א זומערדיקער בליץ;
ניט שווערד אָן שווערד
זיך קרייציקט דאָרטן,
ווי אין צײַט פֿון קריג, מאָרעשכוירע!
אָ, האָב ניט מוירע,
וואָס דײַן גאָרטן, ווי א שײַטער ברענט,
וואָס ווערסט עפּשער דארפֿן,
דײַן ליד — דײַן לעבן מענאדער זײַן,
אז פֿריִער פֿאר אלץ
זאָלן אין הימל ניט פּלאצן
די אָדערלעך,
וואָס מיט רויטע שנירעלעך פֿליסן
צו אונדזער גרינער, לעבעדיקער ערד.
כאָטש בעסער איז, ווען פֿון שווערד

א טויטער אָפּן שלאַכטפעלד
פאַלסט, איידער איין אָדערל,
וואָס בלוט צו דײַן הארצן טראָגט,
זאָל אינמיטן העלן טאָג
ווער ווייסט פון וואָס... ווערן צעריסן!

דער טראָפּן

גראָד די פּלעשער טוט אים באַנק,
ער זיי עפּענען וועט מער נישט,
זײַן אליין פארשלאָסן אינעם שראַנק,
וואָס מע שטעלט קיינמאָל אין דר׳ערד נישט?
ס׳טוט אוואדע דעם מענטשן באַנק,
וואָס ניט ער שטייט, נאָר ליגט אין שראַנק,
און דעם דאַרשט נישטאָ מיט וואָס צו לעשן;
נאָר ניט דער טראָפּן טוט אים באַנק,
די מענטשן, וואָס זיך ברעכן ווי פּלעשער;
און ס׳ווייט א בייזער ווינט,
בא דעם קייווער שטייט א קינד.
הרודעס ערדַ אין אָרן קלאַפּן
און א בוים אין פלאַם זיך צינדט,
פון יעדן צווײַג פאַלט אין גרוב א טראָפּן.

איך שרײַב ניט קיין צוואָע

ביז זײַן אמאָל מיר וועלן דאָרטן,
ווו דאָס דעקל מע פארמאכט,
פלאנץ איך מיר א שיינעם גאָרטן
אין א שטערנדיקער נאכט.

אונטער הויכע הימלען בלאָע
כ׳שטעל א ברונעם, פיר א פלויט.
כ׳שרײַב דערווײַל ניט קיין צוואָע,
ווו מיך לייגן נאָכן טויט.

לייגט מיך אונטער בוים דעם פײַכטן
אף א בערגל אין א זײַט,
ווו די פענצטער פון א דאָרף זיך לײַכטן,
קוקן צו די קאָרן־פעלדער ווײַט.

ווו א צוג וועט דורכשוועבן
און זײַן פײַף וועט טאָן א שניט,
לייגט אַרײַן מיך אינדערמיט
פון א קיינמאָל שטארבנדיקן לעבן.

לייגט מיך אין א טאָל א טיפן,
מעג גראָז דאָרט וואקסן און פּאָלין,

און זאָל אַ רעגנדל דאָרט טרייפֿן
פֿון באַנאַכט ביז שאַרײַען.

נאָר ווער קלערט עס ווען שטאַרבן,
ווען דאָס לעבן ערשט זיך בויט,
צען פֿאָר הענט ס'דאַרף מײַן אַרבעט,
לידער שמיד איך קעגן טויט!

פארן שלאָף

גראבלען מיך די ווינטערדיקע ביימער פארן שלאָף,
גלײַך ווי געקומען וואָלט איצט שוין מײַן סאָף —
און איך, סע קריכט מיר ניט אין לינקן אויער
די רעכילעס פון דעם ווינט, דער אומעט און טרויער,
וואָס דער וואלד פארן שלאָף דאָ וועבט.
די אומזעבארע האנט, וואָס אַף מיר לויערט,
צי דען איז זי נאָך בעקויעך
מיך א וואקל טאָן, ווען איך לעב,
אָנטאָן מײַן שטוב אין קרענץ מיט טרויער?..

אלץ טוען די ווינטערדיקע ביימער פארן שלאָף,
אַף די שפּיץ פינגער אין שניי, זיי גרייכן
מיט זייערע קרוינען אזש ביז די שטערן
און זוכן מיר א וועג צום סאָף.
און איך מיט לעוואָנע־שײַן אין שניי שמייכל.
ס׳טרעפט, געדאנקען שווערע קומען פארן שלאָף!
נאָר אפילע מיטן סקריפּ פון מײַן טראָט אפן פראָסט
איך פּרווו זייער כאָלעם צעשטערן,
מיך פון לעבן אויסרײַסן איז ניט אזוי פראָסט.
און ניט אזוי גרינג איז, א ווינטערדיק צווײַגל
זאָל באנאכט מיט מײַן נאָמען אוועק צו די שטערן.

1972

מײַן פּעקעלע לידער

װען מיר װעט אומעטיק װערן
אױפֿן בעסױלעם ליגן, —
דעם קװאָרעס־ייִדן אָפּטאָקן
װעל איך א גראָבן ליגן...
און אַליין װעל איך
נאָך מײַן לידער־העפֿטל
אַהײם־צו פֿאַרלױפֿן,
און א שאַכטל פּאַפּיראָסן
מיטן װעג זיך קױפֿן,
און זיצן אױפֿן קײװער
און שמעקן דאָס גראָז,
און עגבערן װעט מיך
אַלץ דער פֿאַרדראָס:
א פּעקעלע לידער
דער װעלט געלאָזט,
זײ האָבן בלוט א יאם
און ס׳לעבן געקאָסט,
איך האָב זײ געשליפֿן,
װי דימענט־גלאָז.
און פֿרעג צוליב װעמען?
און פֿרעג צוליב װאָס?..

1972

* * *

אזא מין לעבן! מע טראָגט מיר
זויערקישעלעך א גאנצע נאכט,
אָבער איך לעב נאָך, מיר דאכט:
עפּעס שעפּטשען די ליפּן —
איך פּיל, די נאָדל צווינגט צו לעבן,
פאר די אויגן טײַבעלעך ווײַסע שוועבן.
דער דאָקטער זאָגט, כ׳וועל לעבן,
ניט איך וועל, נאָר איך וויל,
מיר געפעלט ניט די שפּיל.
דו וועסט קומען, און איך בין שטום,
אין אלע ווינקעלעך, אומעטום,
ווו איך האָב מײַן ליד געפּעסטעט,
מעגלעך, די שורעס וועלן פרירן,
מענטשן דארפן, מעגלעך, דיכטונג,
כ׳פרעג,
און ס׳רײַסט מײַן הארץ זיך איבער
אינמיטן וועג.

8 פעוורואל 1972

די דאָזיקע ליד האָט דער דיכטער אָנגעשריבן א שאָ פאר זײַן טויט.

הארץ און וועלט

ווען מע לייגט מיר, לעמאָשל, פאָר אויסצוזוכן אין די אויצרעס פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג א ליד, א סטראָפע, א בינטל שורעס, וואָס זאָלן אמבוילעטסטן פארקערפערן אין זיך דעם עצעם פענאָמען — פאָעזיע, די ספּע־ציפיש־געלײַטערטע בילדערישקײַט פון איר שפראך, איר באשטענדיקע נייגונג צום גײַסטלעך־מאָראלישן, דערהויבענעם, קימאט סימבאָלישן, וואָלט איך, בא־גלײַך מיט די בעסטע שטעלן פון האָפשטיינען אָדער האלקינען, געבראכט אויך אזא מין פערז פון מאָטל גרוביאן:

צווישן מײַן זײַן
און מײַן ניט ווערן
זוך איך א שטערן
פול מיט שײַן,
וואָס זאָל פארלאָשן
ניט ווערן,
ווען איך וועל ניט זײַן...

רײַכקײַט אין לאָשן איז אָן שום סאָפעק א ביז גאָר וויכטיקע מײַלע פון יעטווידער דיכטער. אָבער אין רעשוס פון דער דיכטונג זײַנען פאראן אויך אזוינע פאלן און סיטואציעס, וואָס פארלאנגען גראדע דאָס אויסערלעך פאר־קערטע צו רײַכקײַט — דאָס זאָרגזאם אָפּגעקליבענע, אפילע דאָס איבערגעכאַ־זערטע. און זעט, אשטייגער, ווי מײַסטערהאַפט „אָרעם" איז גרוביאן אינעם ציטירטן ליד, ווי שטרענג און באזיניקט לאָזט ער זיך צו פארקישעפן פון עט־לעכע געציילטע, איידל און רײַך אינטאָנירטע ווערטער־באגריפן: זײַן — ווערן — שטערן — שײַן. און ווי דאָס שפּאָרעוודיק־אָפּגעהיט וואָרט האָט זיך אונטערגע־וואָרפן דעם אויסערגעוויינלעכן ערנסט פונעם געזאָגטן: גרוביאן רעדט וועגן

אזא מין עטישן געפיל, וואָס איז ווערט צו קרוינען א בעעמעס־הומאַנישע, נאָבעלע אינדיווידואַליטעט — א געפיל פון פרייַנטלעכער אופגעלייגטקייַט צו אַן איבערגעלאָזטער וועלט, צו א וועלט אָן מיר און נאָך מיר...

אזוינע אָדער ענלעכע באַטראַכטונגען און געדאַנקען ווירקן בא גרוביאַנען באַזונדערס איבערצייַגעוודיק צוליב דעם, וואָס זיי זייַנען פאַרטרויט א מענטשלעכער עקזיסטענץ מיט א מערקווירדיק שטאַרקן לעבנסווילן און לעבנסדורשט. גרוביאַנס פּאָעזיע איז מאַמעש אָנגעבראַקנעט מיט לעבן, מיט פרייַער, אַלמעכטיקער און ניט־באַשיצטער נאַטור־אָרגאַניק, „מיט יוגנט, מיט זון און מיט קראַפט און מיט ראַכוועס”. יעטווידע באַגעגעניש פונעם דיכטער מיט אָט דער וועלט פלעגט געבוירן ניט קיין „נייטראַלע” נאַטור־פאַרצייכענונג, נאָר אַן אינערלעך אָנגעשטרענגטע לירישע איבערלעבונג, א שאַרף עמאָציאָנעלע נעשאָמע־געשעעניש: „ארומגענומען כ׳וואָלט זיך איצט מיט דער וועלט און געטאָן זיך א וואַלגער מיט איר אין קאָרן טיפן, פּערעלעך טוי זאָלן טריפן, טריפן! און געשמאַק זאָל אין האַרצן אַרייַן מיר דאָס פעלד...”

אין גרוביאַנס לידער האָט „אינמיטנדערינען א בוים זיך פאַרכלינעט מיט פרישן רעגן” און עס האָבן זיך מילד צעשייַנט „פרישע בלעטער פון יונגן ווייַנשלבוים”; א שלאַנקן הירש, וואָס אייַלט צו „העכסטן באַרג־שפּיץ”, לויפט „אַנטקעגן, צעשטערנט”, אַן אומענדלעכער הימל; און א קליין, צעשטראַלט כמאַרעלע האָט זיך, ווי א לאָשעקל, צעשפּילט אין דער הייך... ריינקייַט, וואַרעמקייַט, פרישקייַט!

מיט אַלע זיבן כיינען ווינקט אונדז גרוביאַנס א שורע — א ווענדונג צום רייַפן זאַנג: „כ׳וועל דיך אַרייַנפלעכטן אין קאָשעקל פון פּרוכט, וואָס איך טראָג צו מייַן געליבטער פּרוי”. ביכלאַל מוז ווערן אָפּגעצייכנט די אומיטלבאַרקייַט פון גרוביאַנס ליבע־לידער, ווו איבערגעגעבנקייַט און טרייַשאַפט גייען באַנאַנד מיט א ווויליונגעריש פאַרשייַטער גרייטקייַט „די גרענעץ פון קלאָרן סייכל אַריבער”.

א זעלבסטפאַרטיפטער און ברויזנדיקער ליבע־געפיל, וואָס מאַיאַקאָווסקי האָט אים אַמאָל קוואַליפיצירט אַלס „פרייַען פאַרמעסט מיט דער גאַנצער וועלט”, איז בא גרוביאַנען אָפּטמאָל דער גרונט־פאַרמיטלער צווישן אים, דעם פּאָעט, און דעם איבערגעפולטן מיט קאָלערליי ווונדער און נייַס אומויסשעפּלעכן אַרום. ס׳איז א ניט־געטיילטער, אַלגעמיינער אַרום, און ווען דער דיכטער שרייַבט, אַשטייגער: „צו מייַן פענצטער האָט געטראָפן אזא ריינער טראָפּן פרילינג”, אָדער „אין הימל גייט אויף א פילמאַזלדיקע זונען־קויל”, אָדער „מייַן לעבעדיקער, שיינער מאָרגן”, איז עס אין א גרויסער מאָס אויך דיקטירט פון ליבע, פון א

פרינציפיעל ניט־עגאָיסטישער קאוואָנע טיילן גליק פון דערקענטן און באוווּנ־דערטן מיט א צווייטן, א נאָענטן.

בא גרוביאַנען איז דאָ אן אויסערסט געראָטענע ליד „א פאסטעך אָן א פײַפל": „א פאסטעך אָן א פײַפל, ווו געזען האָסטו אזא מין פאסטעך? א פאסטעך אָן לאפטשעס, ווו געזען האָסטו אזא מין פאסטעך? א פאסטעך אָן א טאָרבע, ווו געזען האָסטו אזא מין פאסטעך?"

ס׳איז פון יענע לידער גרוביאַנס, וואָס ווערן אין דער קריטיק געוויינלעך אָפּגעשאַצט ווי ווייניק־געווּנטשענע פאָלקלאָר־סטיליזאַציע. גרוביאַן איז געווען טראַדיציאָנעל־פאָלקסטימלעך אף אזויפיל, אף וויפל דאָס „ניט־קולטיווירטע" פאָלקסליד איז נאָענט צום אורשפּרינגלעך־נאַיוון, קינדעריש „ניט־באַוואוּסטן". און ניט צופעליק זײַנען די באליבטסטע דיכטערס גרוביאַנס געווען טאַקע די, וואָס האָבן אופגעהאַלטן און פארהיט דאָס פאָלקסטימלעך־פּראָסטע און באַהעפּט עס מיט ראַפינירטער קולטור, צומאָל מיט הויכן טראַגיזם. גאַרסיאַ לאָרקע, צום בײַשפּיל, ווּעמעס פּרעכטיקע שורעס וועגן דעם האַרץ — אן „אין ערגעץ פאַר־וואָרפן אינדזל" אָדער וועגן דער לעוואָנע, וואָס גייט געאָרעמט מיט א ייִנגעלע פון אַנדאַלוזיע, האָבן זיך עפּשער אומדירעקט, אָבער באַשײַמפּערלעך אָפּגערופן אין גרוביאַנס פּילצאָליקע האַרץ־און־לעוואָנע־מעטאַפאָרן: „א שטיין איז מײַן האַרץ אינדערמיט פון א טײַך", פאַרליבטע האָבן „מיט די הענט אראָפּגענומען די לעוואָנע פון יעדן פײַכטן בלעטל" אאוו. אָדער כלעבניקאָוו. ווען איך טרעף בא גרוביאַנען: „דער שטויב פון שמעטערלינגען זיצט אף מײַנע ווּיִעס", דערמאָן איך זיך כלעבניקאָוון, זײַנע אויסגעמורמלטע שורעס וועגן זיך, א שמעטערלינג, וואָס לאָזט איבער דעם „קסאַוו פון זײַן שטויב" אף די פענצטער פונעם „מענטש־לעכן לעבן".

„א פאסטעך אָן א פײַפל" איז א ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש ליד בא גרוביאַ־נען, און ניט נאָר צוליב דעם פאָלקסטימלעך־נאַיִוון כיין און פּאַשטעס — צוליב דער דיכטערישער אידיי, וואָס די „נאַיִווע" פאָרם אנטהאַלט: מע קען ניט, מע טאָר ניט אוועקנעמען בא אָט דעם פאסטעכל זײַן פײַפל און זײַנע לאַפטשעס; מע טאָר ניט צעגלידערן און „צעשרויפן" דאָס גאַנצע, וואָס איז בעשום־אופן קיין מעכאַנישער סכום פון פּריוואַטע איינצלהײַטן אָדער בלויז־אַבסטראַקטע „עלעמענטן", נאָר אן אָרגאַנישע איינהײַטלעכקײַט, א יאָדערדיקע סטרוקטור, א באַרופענער צו פולער פאַרווירקלעכונג ניט־באַוואוּסטער לעבנס־באַשטאַנד און לעבנס־קויעך.

מאָטל גרוביאַן איז קוידעמקאָל שטאַרק געווען אין זײַן שאַפונג מיט דעם ניט קענען און ניט ווּעלן „אויסשיילן" הוילע „סאַכאַקלען", מיט קלאָרן פאַרשטאַנד

פון אלגעמיינער געבונדנקייט, מיט טיפן מענטשלעכן אָפּשײַ צו גאנצקייט, וואָס אויסער איר שליטע פארלירט דעם מינדסטן באטײַט איעטווידע איזאָלירט באַטראכטע לעבנס־ און וועלט־אנטפּלעקונג.

„ניט די פעל, נאָר דאָס פּיקסעלע א לעבעדיקס דארפן מיר", — פּראָקלאמירן די מעטאפאָרן בא גרוביאנען זײַן אייגענע אײַנשטעלונג אף סינטעז, וואָס ווערט אין זײַן גאנצער מאמאָשעסדיקייט, אין זײַן פרײַ צעשפּרײַטער לענג און ברייט, גאָרן צו גאָרן, רינג צו רינג, אָנגעשלאָסן אלס אָנטײלנעמער און איידעס צום יאָכידס אינדיווידועלער וועלט: „מעסט אויס די שטילקייט און קייפּל זי אף דער טיפקייט פון אָט דער שטערנדיקער נאכט; נעם אראָפּ א פערטל פון דעם נעפל, וואָס אומזעבאר דעם גאָרטן מאכט; גיב צו די וואָג פון די עפּל, וואָס האָבן צו דער ערד אלע ביימער נאָכן רעגן אָנגעבויגן, און דערנאָך צעטייל פאר אלע בלעטער מײַנע טרערן פון די אויגן, — וועסטו באקומען אין סאכאקל מײַן יונגן, פרישן גאָרטן. כ'האָב הײַנט געקושט זי דאָרטן".

איז ווו זשע אנדערש, אויב ניט אין דער אטמאָספער פון אזא מײַן גאָרטן, דורך אים געשטיצט און גענערט, האָבן געקענט אנטשטיין און זיך אָנגיסן מיט באַצווינגענדיק־עכטער קראפט יענע לעבנסבאשטעטנדיקע שטימונגען און מאָטיוון, וואָס זעטיקן גרוביאנס מאכשאָוועס אפילע וועגן דעם אומפארמײַדלעכן, טראגישן, שווערן?

„איך גלייב אין מײַן סאָף ניט, טײַערע, מײַן אָנהייב דעם סאָף האָט איבערגעלעבט!" — א לירישע איבערפראזירונג פונעם זעלבן געדאנק וועגן נאטירלעך געשלאָסענעם אנטוויקלונגס־פּראָצעס. „כ'וועל שטארבן מיט א גוט וואָרט... און וועל ציטערן פון יענער זײַט לעבן דאָרט פאר א טראָפּנדל זון אף א צווײַגל מיט שניי" — אן איידעלע, מיט לײַכטן טרויער שאטירטע וועלט־עמפּינדונג, וואָס א לעבעדיקע דיכטונג קען זיך ווינטשן. „אייביקייט! ווער ביסטו? — א וואָגן פריש געקאָסעט היי, און צו דיר מע קומט כאפּן דעם גוטן דרעמל?"... ניין, בעסער אזוי:

אייביקייט! שאנעווע מײַן מי!
מיט פלאם־פײַער אף די ליפּן
בעט איך, עפּשער
דארף מען אין מיר
פארצערעווען, פארוועבן,
איז טו דאָס איצט,
בלויז מיט ליכט
און בלויז באם לעבן.

און ווי א גרויצמעסיק פאַראַלגעמיינערנדיקער העמשעך און אויספיר — א צווייט ליד: „נאָר באַם לעבן, נאָר באַם לעבן שאַלט און וועקט דער הירשן־האָרן, וואָלקנס גייען, כמאַרעס שוועבן, קומט א צאָרע, קאָנסטו זי איבערלעבן — נאָר באַם לעבן, נאָר באַם לעבן!..״

איך דערמאָן זיך מינסק 1934 יאָר. די שטאָט איז קליין און געמיטלעך־היימיש. מײַן נײַער פרײַנט, דער ניט לאַנג אָנגעקומענער פון אוקראַיִנע מאָטל גרוביאַן, וועמעס ערשט ביכעלע „פון קעלער אָף דער זון״ איז נאָרוואָס אַוועק אין זאַץ, לייענט מיר פרישע לידער און צווישן אַנדערע — וועגן פריצײַטיק פאַרשטאָר־בענעם דיכטער כאַיִם לאַסקער: „ווען דו וואָלסט וויסן, א פענצטער וואָלסטו אין שפּיטאָל צעבראָכן און ערגעץ אין דער וועלט ארײַן אַוועק", „פאַרוואָס האָט עס דער טויט כאַפּט נאָר אָף איינע צען יאָר ניט פאַרשפּעטיקט? עפּשער וועלן שוין מענטשן אינגאַנצן ניט שטאַרבן...״

אין אכט און דרײַסיק יאָר אַרום, אין שפּיטאָל, שוין קימאַט אָף „יענער זײַט לעבן״, האָט גרוביאַן פאַרשריבן מיט אַן אומבאַהאָלפן־מאַכטלאָזער האַנט עטלעכע שורעס, וואָס איז א דערשיטערנדיקער מוסטער פון מענטשלעכן לעבנסווילן און טרײַשאַפט דיכטונג: „אַזאַ מין לעבן, מע טראָגט מיר זויערקישעלעך א גאַנצע נאַכט, אָבער איך לעב נאָך. מיר דוכט: עפּעס שעפּטשען די ליפּן — איך פּיל, די נאָדל צווינגט צו לעבן, פאַר די אויגן טײַבעלעך ווײַסע שוועבן. דער דאָקטער זאָגט, כ׳וועל לעבן, ניט איך וועל, נאָר איך וויל...״

ס׳איז א פּײַנלעך לייענען. און גלײַכצײַטיק א באַפרײַעריש. עס האַרטעוועט ווירדע און כאָוועט שטאָלץ.

יאָ, מאָטל גרוביאַן איז געווען א דיכטער פון א לעבנסלוסטיקן און לעבנסליבנ־דיקן טאַלאַנט. אַנומלטן האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט א זשעסט, וואָס איז ווערט פאַלסטאַפן: „פאַרן שטאַרבן א שמייכל טאָן וועל איך צו דער וועלט מיטן פולן מויל, עס אויסווישן מיטן אַרבל, ווי נאָך א גוטן פולן קופל ביר״.

ווי באַוווּסט, איז דער גרויסער ביר־טרינקער סער דזשאָן פאַלסטאַף — א העלד פון שעקספּירס היסטאָרישע כראָניקעס. יענע „היסטאָרישע כראָניק״, וואָס האָט צוזאַמען מיט זײַן דאָר, זײַן פאָלק און לאַנד מיט שווייס און בלוט געשריבן גרוביאַן, ווייסט ניט קיין גלײַכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט, און אירע טראַגישע מערק־צייכנס האָבן זיך ניט־פאַרגיכטבאַר, ווי טיפע שראַמען, ארײַנ־געשניטן אין סאַמע לײַב פון גרוביאַנס פּאָעזיע, אין איר אינגעווייד, אין איר האַרצן.

„איך האָב געוואַרט אָף א גאָלדענעם האַרבסט — און געטראָפן בלוט אָפן שניי״, — איז זיך אין די פופציקער יאָרן מוידע געווען גרוביאַן. ווייטעקפולע

דערמאָנונגען וועגן „בלוט אפן שניי" האָבן שוין נאָכגעפאָלגט דעם דיכטער אין סאמע אָנהייב פון זײַן וועג. שוין אין דער ערשטער זאמלונג „פון קעלער אף דער זון" (אגעוו, בא אלע שוואכקײַטן אירע, אזוינע, ווי גראַדליניקײַט און פּראָזע־אַרטיקע דערציילערישקײַט, האָט זי געצייכנט אן אייגנאַרטיקן ליריש־סוזשעטישן גאנג) האָבן זיך געפלאָכטן פארבונדענע מיט בירגערקריג אף אוקראַיִנע מאָטיוון אי פון העראָיִק, אי פון טראגיק: דאָס אויסגעמוטשעטע פון ווילדע פּאָגראָמשטשיקעס יִדישע שטעטל באגעגנט מיט פרייד און באגײַסטערונג די רעטערן — די רויטע אַרמיי.

אין 1940 איז דערשינען גרוביאנס צווייט ביכל — „ליריק", וואָס איז געווען לעגאַבע זײַן ערשטלינג א באדײַטנדיקער טראָט פּאָרויס. דאָ האָט זיך מערקבאָר פארשטארקט דער שעפעריש־סוביעקטיווער מאָמענט, די אייגנטימלעכע פאר גרוביאַנען נעטיִע צום באדינגלעך־אסאָציאַטיוון...

„אף דער לעוואָנע, וואָס קוקט אין מײַן שויב, טוט זיך א שאָטן וויגן. שוין זשע וועט זײַן א ליקע־לעוואָנע... ס'וועט א מילכאָמע זײַן, דער שאָלעם ארויסגעפאלן איז פון ווײַגל", און „נאַקעט, פארבלוטיקט, ער קויקלט זיך אום פון איין גרענעץ צום צווייטן". אזוינס האָט פאר דעם גרוביאַן ניט געשריבן, און ניט נאָר דערפאר, וואָס פריִער האָט זיך אזוי שארף ניט געפילט די סאַקאָנע פון קריג (מיר שפּאצירן מיט מאָטלען איבער ביאַליסטאָק; די שטאָט איז פארפלייצט פון פוילישע פּליטים, און אין די אויגן זייערע איז גרויל און פארצווייפלונג), נאָר אויך דערפאר, וואָס קיינמאָל פריִער האָט גרוביאַן ניט געוווּסט פון אזא מין אויסטערליש־קאַפּריזער פאָרם־שפּיל.

פארטיפט און באריַיכערט פונעם סוביעקטיוון, איז ניט אָפּגעטראָטן אין „ליריק" דאָס פאבולדיקע, דאָס סיפער־האמײַסעדיקע, און ווידעראמאָל האָט זיך עס אמערסטן אָפּגעגעבן מיט קינדער־דערמאָנונגען פון בירגערקריג.

„דעם ווײַסן אָפיצער האָט זיך געוואָלט א יִדיש מיידל פאר א ווײַב, און הייסן זאָל זי ראָכל, איז ער פון שטוב צו שטוב געגאנגען און האָט דערוויַיל די פענצטער געבראָכן..." פּראָזע, עמעסדיקע „געדיכטע" פּראָזע, — וועט איר זאָגן און זײַן פולקום גערעכט. כ'וועל זיך אָבער דערלויבן זאָגן אנדערש: שוישפּיל, טעאַ־טער, בינע. די פיגור פון דער צעיושעטער כײַע־ראָע האָט אין זיך לעצאָנעס און בופאָנאַדע און איז קינסטלעך מיזאנסצענירט. מע קאָן עס פאָרשטעלן, שפּילן, ווי אין אן עכט טעאטער־שטיק. ס'איז גלײַכצײַטיק, סיבכראָן ווירקלעכקײַט און ספּעק־טאַקל, לעבן און אופירונג, געשטאלט און איבערגעשטאלטונג.

ביכלאַל האָט זיך גרוביאַן דער דיכטער היימיש געפילט אין דער אטמאָספער פון טעאַטער און בינע. ער האָט מיט פײַנער רעליעפקײַט און זיכערער אינטויִציע

פאַרהויבן דעם פאָרהאַנג איבער גאָלדפאַדנס שפּרודלדיקער קאַרנאַוואַלן־וועלט, און מיר האָבן טייקעף דערזען דעם גלאַוונעם קישעפמאַכער, וועלכער וועט „באַלד אַרויסלאָזן די שטערן און די לעוואָנע", אַז דער אוילעם וועט אַזש פון די קיילים אַרויס, האָצמאַכס האַוויַע, וואָס „באַם האַרצן שנײַדט", „די גלעקעלעך פון פּורים־שפּילער, מיט זילבער געצוימטע", אַאַוו.

דאָ איז טעאַטער — דירעקטע טעמע און שטאָף. נעם איך טעמעס, וואָס לויט דער עצעם „מאַטעריע" זייערע, לויט דעם נאַקעטן אופשווידערנדיקן טאָך („בלוט אפן שניי"!) פאַרדײַען ניט, דאַכט זיך, קיין מינדסטן באַריר פונעם באַדינגלעכן און קינסטלעך־געטאָפּלטן. איז אָבער גרוביאַן אויך דאָ טרײַ זײַן אייגענער סטיליסטיק פון עטוואָס טעאַטראַליזירטער איבערפאַרוואַנדלונג און טראַנספאָרמאַציע. דערבײַ ווערט אַף קיין האָר ניט געפעלשט די היסטאָריש־סאָציאַלע דראַמאַטיק פונעם דערציילטן. פאַרקערט, זי ווערט קאָנצענטרירט, צוזאַמענגעקליבן אין אַ שטאַרקער בילדעריש־עמאָציאָנעלער ליניע דורך אַ לײַדנשאַפטלעך־פאָרשנדיקן געמיט, וואָס איז קיינמאָל ניט קיין „טעכניק", נאָר איבערלעבונג, קיינמאָל קיין „האַנטשריפט", נאָר „האַרצשריפט" און „אָטעמשריפט".

איך רייד שוין ניט וועגן אַזאַ ליד, ווי „דאָס געטאָ־קינד", ווו דער פאָרטרעט פונעם גערוידעפטן און געפלאָגטן ייִנגעלע („איין ברעם... זעט אויס, ווי זי וואָלט ערגעץ געלאָפן, די צווייטע, ווי זײַן טאַטנס פלייצע, אויסגעבויגן, ווען מ׳האָט אים צום אויוון געטריבן") מאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ דיכטערישער געמעל־ און וואָרט־פאַראַלעל צו מיכאָעלסעס טראַגישן גרים. נאָר אָט איז אַן עפּיש, אַ דערציילעריש ליד „דער טאַטע" — אַ שטריך, אַ שפּליטער פון דער ייִדישער פאָלקס־אויסקומעניש און פּסיכאָלאָגיע אין צאַרישן רוסלאַנד.

„אפן העמד אַ זשיליעט, אַף דעם זשיליעט אַ קוצעווייקע, אַף דער קוצעווייקע אַ סערדעט, אונטערן סערדעט אַ פּליושן רעקל אַף וואַטין, אַן אַלפּאַגענע קאָפּטע אַף סאַטין, אַ פורכאַלאַט פון ברעזענט..." — אַ לאַנגע און אויספירלעכע רעשימע פון בגאָדים, וואָס דער טאַטע האָט אָנגעהורט אַף זיך, ווען „אַף ביין־האַזמאַנים זיך געלאָזט"... ניין, ס׳איז ניט קיין עטנאָגראַפיש־שטייגערישער עטיוד און ניט קיין וועלן זיך איבערנעמען מיט פּינקטלעכן וויסן קאָלערליי קעגנשטאַנדן און זאַכן פון אַ גאַנצער וואָך. די בגאָדים־רעשימע, איר לענג און גענויקײַט זײַנען טראַגיש באַגרינדעט: ס׳האָט „געמיינט דער טאַטע: אין די בגאָדים איז געווײנלעך בעסער, טאָמער אַ מעסער, דערלאַנגט ער נישט ביזן סאָף". האָט אים דאָס מעסער יאָ געטראָפן, און ס׳צעוויקלט זיך די צווייטע העלפט פונעם ליד — די זעלבע, אָבער שוין מיט בלוט פאַרפלעקטע רעשימע: „נישטאָ אפן העמד נישט די קוצעווייקע,

נישט דער סערדעט, נישט דאָס פליושן רעקל אַף סאַטין...״ — און נאָר „אַ מאַכנע וואָראָנעס מאַכן דעם שניי שוואַרץ...״

פאַרזיכטיק, טאַקטיש, סטאַרענדיק זיך ניט באַליידיקן מיט בעקיוונדיק־פרעטענציעזער „מאַניר״ דעם שטילן און טויבן שוידער פון דער געשעעניש, ברויכט גרוביאַן אויך דאָ אַזוינע שעפעריש אַקטיווע מיטלען פון פורעמען דיווירקלעכקײַט, וואָס דער אָפּשטאַם זייערער איז אויך אינעם פאָלקסטימלעך־טעאַטראַליזירטן גילגל און מעטאַמאָרפאָז.

און נאָך אַ ליד, און שוין אינגאַנצן פון אַן אַנדער שניט, — די געשריבענע בעשאַס דער מילכאָמע „שטרויענע הוט״: „כ׳האָב מוירע צו קויפן אַ שטרויענע הוט, דער סאָף זאָל דערפון זיך אַ קער טאָן ניט גוט... וואָס טויג זי מיר איצט, די שטרויענע הוט, דער שטאָלענער העלם זיצט אַף מיר גוט״.

גרוביאַן האָט ניט אַנערקענט קיין „דרויסנדיקע״, קיין אַבסטראַקטע טעמעס, וואָס זאָלן זיך ניט וואָרצלען אין אַ פילזײַטיק ניואַנסירטן אַסאָציאַציע־ און וואָרטקאָנטעקסט. די שטרויענע הוט, וועלכע פּאַסט שוין לאַכלוטן ניט דעם הײַנטיקן שלאַכטמאַן, זײַן אַנטשלאָסן און געוואַגט גיין אין פלאַם, איז גערינגלט מיט „שטרויענע״ פראָטים — סימבאָלן פון אַ הילפלאָזן ניט קענען בײַשטיין אײַזן און בראַנד: מיט „שטרויענעם דאַך״ פון אַ פאַרברענטער שטוב, מיט אַ קנײַלעכל שטרוי „אָן וואָג, אָן געוויכט״, וואָס דער פּראָסטיקער ווינט טרײַבט עס איבערן סטעפּ, אַאַוו.

בא בערטאָלד ברעכטן איז דאָ אַ ליד „דער רעקוויזיט פון יעלענאַ ווייגעל״ (דעם דיכטערס פרוי, אַ וועלט־באַרימטע דײַטשישע אַרטיסטן): „ווי דער אַגראָנאָם, זייענדיק פראָסע אַף אַ פרווו־פעלד, קלײַבט אָפּ די וואָגיקע קערנער... אַזוי קלײַבט זי אָפּ קעגנשטאַנדן, וועלכע גייען נאָך אַף דער בינע אירע פערסאָנאַזשן, — די צינענע לעפל, וואָס די מוטער קוראַזש טראָגט אין לאָך פון איר וואַטאָווע קורטקע, דער פאַרטיי־בילעט פון דער גוטפרײַנטלעכער וולאַסאָווע, אָדער די פיש־נעץ פון אַ צווייטער, אַ שפּאַנישער, מוטער, אָדער אַנטיגאָנעס בראָנזענע אורנע, וווהין זי זאַמלט דעם אַש פון די טויטע...״

גרוביאַן האָט אויך גענוצט אַ שטרענגן און ציל־באַוווסטן אָפּגעקליבענעם „רעקוויזיט״. ווען־ניט־ווען פלעגט ער אויסזען עטוואָס פאַרעסטעטיזירט: „אין דעם רעכטן קעשענקעלע פון מײַן פראַק פון גרויען אַש האָב איך אַרײַנגעשטעלט דאָס בלוטיקע בלימל״. די איבערגעשטאַלטונג, דאָס טוישן דִי שטרויענע הוט אַף אַ שטאָלענעם העלם טראָגט אַף זיך אַ באַשטימטע האַשפּאָע פון שוישפּיל, נאָר באַגלײַך דערמיט איז עס רײַך אין אָביעקטיווער לעבנס־דערקענטעניש, אין האַרבער וואָר.

„די שטרויענע הוט״ האָט געעפנט גרוביאַנס דריטע לידער־זאַמלונג „געזאַנג וועגן מוט״ (1947). דאָסראָוו לידער אינעם בוך איז געווען געווידמעט דעם קרײַג,

די איבערלעבונגען פון אירן אן אומיטלבארן אָנטיילנעמער, א סאָלדאט, אן איבער־געגעבענעם זון פון זײַן לאנד, וועלכער שלאָגט זיך מעסירעסנעפעשדיק פאר דער פרײַהײַט און צוקונפט פון דער סאָוועטישער היים.

אָט איז איינס פון די שטארקסטע מילכאָמע־לידער גרוביאנס — „דאָס טעלערל זאלץ":

אונדז האָט גאָרניט געפעלט,
געהאט מיר האָבן אלץ:
סײַ ברויט
און סײַ פאטראָנעס, —

דאָס עלעמענטאר־נויטווענדיקסטע פאר א קריגער אין שלאכט: „ברויט אף שטילן דעם הונגער און וואָפן צו באפרידיקן דעם האס".

און אין פעלד, אין דער הייך,
ווי א טעלערל זאלץ,
האָט זיך איבערגעקערט
די לעוואָנע.

וואָס איז עס: אָרנאמענט, פּייזאזש, שטרעבונג צו מאכן „אָנגענעמער" און „שע־נער" די אומראכמאָנעסדיק־הארטע וואָר? ניין, דער מאנגל, די נויט אין זאַלץ האָבן אויסגעדיכטעט אזא לעוואָנע און אזא שנײַ, וואָס סקריפּעט אונטער די שטיוול, און אזא נאכט אין סטעפּ, א שוועבנדיקע, אן אײַזיק־בלויע, א דורכגעשליפענע מיט לעוואָנע, באגנעט און קאלטע קרישטאָליקלעך זאלץ, וואָס פעלן דעם סאָלדאט אין אָקאָפּ „פארן קעסעלע זופּ"... גאנצקײַט פון מאָלערישן און עמאָציאָנעלן קאָ־לאָריט — ס'איז א וויכטיקע, א קאָמפּליצירטע קונסט, און מאָטל גרוביאן האָט זי באהערשט.

אומדערמידלעכע זאָרג צו פארבלײַבן קינסטלער, פּאָעט האָט אים ניט איבער־געלאָזט אין די סאמע ניט־גינסטיקע אומשטענדן, ווען דאָס פּײַנלעך־גרויזאמע איז אים געקומען ביז איבערן האלדז, ווײַל „נישטאָ קיין לידער, בין איך נישטאָ". גרוביאן איז פון יענע דיכטער, וועגן וועלכע מע קאָן זאָגן: זיי שרײַבן דאָס ליד אין דער זעלבער מאָס, וואָס דאָס ליד „שרײַבט" זיי, זייערע גויראָלעס, זייער אינערלעכע וועלט.

גרוביאנס מילכאָמע־לידער רעגן מיט א געפיל פון א טיפן און רויק־נאטירלעכן אינטערנאציאָנאליזם. עס האָט זיך פארגעדענקט דאָס ליד „ארום אַריאַל" — וועגן דער רוסישער פויערטע, וואָס האָט אים, דעם באפרײַער, „באגעגנט מיט א טעלער

פיש" און „צו דער שוועל מיט א בראָכע באגלייט". אָדער דאָס ליד וועגן א כאוועך, א טאָטער, וועלכער האָט אים א שווער־פארוואונדעטן ארויסגעטראָגן פון פלאם. אָדער דאָס היסלײַוועסדיק פרימאָרגן־ליד וועגן ווײַסרוסלאנד: „פון אלע דײַנע יאגעדעס ווײַנען געשטעלט, מיט אלע דײַנע קרײַטעכצער דעם קאָפּ געצוואָגן, מיט אלע דײַנע דערפעלעך, טײַכן און שטעט דיך צום הארצן געטראָגן".

דאָרט, אין ווײַסרוסלאנד, אין מינסק, האָבן די נאצי־הענקער אומגעבראכט דעם דיכטערס ווײַב און קינד. דאָס אָנגעשריבענע פון גרוביאנען וועגן דעם געהערט צו די סאמע מענטשלעכ־ און דיכטעריש־באווירקנדיקע זײַטלעך פון דער ײדישער פּאָעטישער מארטיראָלאָגיע — אזויפיל אײַנגעהאלטענער געשריי איז אין דעם, אזויפיל נאָגעניש און ביטערן שטוינען: „איך האָב פארלוירן א וויג־ליד, א קינד און א ניגן, זיץ איך אף א שטיין מיר אָנגעבויגן. ווי אמאָל פארטאָג דאָס וויגל, הויי־דעט זיך די גרוב פאר מײַנע אויגן".

אייניקע קריטיקער האָבן אופגעוואָרפן גרוביאנען: ער איז ארכאַיש אין זײַנע „שטעטלדיקע" כורבן־לידער. איך מיין, אז דער דיכטער האָט די טײַנעס ניט פארדינט. דער צום טויט פארורטיילטער ײדישער מאָקעם האָט ארויסגעוויינט דאָס הארץ אין טראדיציאָנעלע קולטור־שטייגערישע פאָרמען, און ס'איז געווען פונקט אזוי געזעצמעסיק, ווי די מערקבארע אקטיוויזירונג פון טראדיציאָנעל־נאציאָנאלע שטימונגען אין דער מילכאָמע־דיכטונג פון אלע סאָוועטישע פעלקער. וויכטיק איז, אז אויך אין די דאָזיקע פאָרמען האָט גרוביאן געשטרעבט צו באטאָנען דעם ווי־דערשטאנד־ווילן פון די פארורטיילטע: „קאלעניר־קאלע, האלט אײַן דײַן געוויין, פאָלג נאָך, וואָס אין פעלד געטאָן האָט דײַן ליבער, ברעך זיך אָפּ פון דער מיידל־שער וואנט, דעם האלדז באם דײַטש בײַס איבער".

דאָס ליד איז אָנגעשריבן אין 1942 יאָר, אין פעלד, בא שײַן פון הארמאטן־פײַער און אונטערגעצונדענע רוסישע דערפער. און ווײַל דער אויספּרווו איז געווען אזוי אומדערטרעגלעך שווער, דער גרויל — אומויסשעפּלעך און דער צאָרן — פלאַ־מיק און אומגעדולדיק, האָט מיט אזא ראכוועסדיקער פאטעטיק און יובל ארויסגע־הילכט פון גרוביאנס א ליד דער געגארטער, אין טויט־קאמף דערוואָרבענער זיג:

מײַן גאָלדענער גלאָק פון ניצאָכן!
איך גיי נאָך דײַן ציטער — אין פעלדער און וועלדער
דײַן ווידערקאָל הערן...
געקניט שטייט דער פײַנט, באזיגט און פארלאָרן,
צעמאָלט און צעבראָכן.
מײַן גאָלדענער גלאָק פון ניצאָכן!

ס׳איז קלאסישע אָדע און דיפיראמב, נאָר אָנגעלאָדענע מיט קאָנקרעט רעאלי־סטישע אקסעסואַרן: דער דיכטער דערציילט פון זײַן ברודער, וואָס „געהאט האָט אין שלאכטן האצלאָכע... און קויעך געפונען אהיים זיך דערקלײַבן... צום קוואליקן וואסער אין ,טיפקײַט פון ברונעם, צום אָצעפּ... צום עמער צום פולן אין האנט בא דעם שאָכן...״ אזוי, אין אזוינע טיף־אָטעמדיקע שירים־געזאנגען, האָט שווארצמאן געריימט אָן אופגעריכטע רעוואָליוציע־וועלט. אזוי פלעגט פינינבערג דערהייבן ביז צעפלאטערטער פײַערלעכקײַט דעם פּראָסטן מענטשלעכן אויסקום...

א באדײַטנדיקער צײַט־איבעררײַס — גאנצע דרײַ און צוואנציק יאָר! — האָבן דערווײַטערט די פערטע זאמלונג גרוביאנס — „אומרויִקער ווינט״ (1970) פון זײַן פּאָריקן בוך. פאר דער צײַט זײַנען ארויס: „לויט די שפּורן פון קריג״ (1947) אין א ווײַסרוסישער איבערזעצונג און דרײַ זאמלונגען: „כ׳האָב דיך גערופן, לעבן!״ (1958), „קוואלן״ (1962) און „דאָס שיפל און דער שטראָם״ (1967), איבערגעזעצט אין רוסיש.

אין „אומרויִקן ווינט״, ווי אויך אינעם בוך „דאָס אייביקע פײַער״, וואָס ליגט פאר אונדז, אנטשטייט גרוביאן אין זײַן גאנצער פילגעפרוווטער מענטשלעכער רײַפקײַט.

רײַפקײַט באזיצט א טײַערע אייגנשאפט צו אומקערן דער פערזענלעכקײַט דאָס לאנג פארגאנגענע און דורכגעמאכטע, צו באווייקן אפדאָסנײַ, מיט נײַער אומיטל־באַרקײַט איבערלעבן פארשיידנארטיקע אָנפאנגס־זעונגען און אָנפאנגס־געפילן. אלנ־פאלס, מיט גרוביאנען איז עס געשען, און ווען ער דערקלערט: „מײַן דריטע ליד האָב איך פארשריבן אף נײַע װענט, אף פרישן שטיין, קומט אויך די ערשטע ליד צו גיין״, די פארשריבענע „אף אן אָנגעשנייטער שויב״, — איז עס ניט אזויפיל באווײַז פון „היפּשן שעפערישן וווקס״, ווי ס׳האָט זיך אויסגעדאכט איינעם א קרי־טיקער, וויפל מעטאפאָריזירטער אויסדרוק פון מענטשלעכער רײַפקײַט, פון איר באצויבערנדיקער טעווע קלאמערן צײַט־שעטאָכים אין א פארגאנצט, א ווירבלדיק און באלדיק געפיל. אָדער נאָך א ליד: „אָט וועל איך אין וואסער אראָפּ, מײַן קינדהײַט האלטן איבערן קאָפּ, שווימען מיט מײַן פעקעלע קליידער, וואָס געפונען כ׳האָב אונטער א שטיין...״

און אָט איז „יוגנט״ — אן אויסגעצייכנטע ליד, און אן עכט גרוביאנישע לויטן טעמפעראמענט, לויט דער אָנגעזעטיקטקײַט מיט העפטיק־עמאָציאָנעלן עמעס און לויט אן אויגנבליקלעכן אופבליץ פון דרייסטע, שיר ניט פאנטאסטישע אײַנפאלן:

כ׳האָב אויסגעטאָן די שיך
און נאָך דײַן שאָטן געלאָפן

טיף אין סטעפּ.
אפן ווינט האָבן געברענט
דײַנע בלאָנדע צעפּ.

איין שוך צו דער לעוואָנע
געטאָן כ׳האָב א וואָרף,
דעם צווייטן צום הילצערנעם
ברונעם אין דאָרף.
ס׳איז פּונקט ווי א כאָלעם
יאָגט נאָך א כאָלעם...
אף מײַן ערד איז שאָלעם,
און מיר זײַנען יונג,
און הויך, ביז דער לעוואָנע,
שטייען אין סטעפּ
אונדזערע ווייצענע סטויגן —
מיר ניורען אין זיי די קעפּ,
פאַרליבטע אין לעבן
ביז טרערן אין די אויגן.

אלזאָ, דרײַ לידער — איין געמיינזאמע אָנשטרענגונג פארייגענען מיט הײַנטיקער ניט לײַכטער דערפארונג דאָס אָנפאנגלעכע, דאָס פריִע, אלץ, וואָס האָט אין אָנהייב לעבן געטרייסט דאָס יונגע הארץ מיט אָנזאָג אף ניט־פארומערטן גוטס און שײַן, אלע דרײַ לידער בינדט נאָך עפּעס א מאָדנע „אנדערשדיקײַט״ און ניט־ענלעכקײַט אף באקאנטע מוסטערן, גלײַך ווי זיי וואָלטן געשטאנען פאָפערעק ניט בלויז דעם אלגעמיין אָנגענומענעם אין דער דיכטונג, נאָר ביכלאל דער „נאָרמאַלער״ לאָגיק.

ס׳איז אן אייגנארטיק מין פּאָעטיש דענקען, געגרינדעט אף דער מעטאפאָר, וואָס גרוביאנס באליבטער גארסיִא לאָרקע האָט אמאָל דעפינירט אלס א „קעגנזײַטיקן אויסטויש מיט אָנבליק, פאָרבאשטימונג און פונקציע פון פארשיידענע נאטור־קעגנשטאנדן און נאטור־אידייען״ און פארגליכן עס מיט א „טעאָרעם, ווו מע שפּרינגט אריבער גלײַך פונעם פאָרבאדינג צו די אויספירן״.

בעעמעס, אויב פון דער קינדהײַט האָט זיך פארגעדענקט דאָס אריבערשווימען א טײַכל מיט די קליידער אף די הענט, קאָן מען הײַנט, אין פופציק יאָר ארום, נאָכפאָלגנדיק דער מעטאפאָרן־לאָגיק, זיך דערזען א שווימענדיקן מיט דער קינדהײַט, אן אופגעהויבענע איבערן גרײַזן קאָפּ. אויב די יוגנט־דערמאָנונג האָט זיך

אף אייביק פאַרקניפּט מיט דער געשטאַלט פון אַ מיידל, וועט שוין בעמיילע זײַן שעפעריש, פּסיכאָלאָגיש באַרעכטיקט דער „קעגנזײַטיקער אויסטויש" פון אַ „פּי־זיש"־קאָנקרעטער מיידל־געשטאַלט מיט אַזאַ אַבסטראַקטן באַגריף, ווי יוגנט, און „אונדזערע ווייצענע סטויגן" אין סטעפּ וועלן שוין אין אַ גלײַכער מאָס געהערן סײַ אים, דעם דיכטער, סײַ דעם מיידל און סײַ דער יוגנט, וואָס גייט ניט פאַרבײַ אינעם דיכטערס איצטיקן געפיל.

עמעס, טיילמאָל פלעגט גרוביאַן געשטרויכלט ווערן פון נעפּלהאַפטיקייט, פון מעטושטעשע לעוואָנע־ און כאָלעם־„וויזיעס", פון אָריגינעלקייט לעשעם אָריגינעלקייט, אָבער אין טאָך גענומען איז עס געווען אַ שעפעריש רײַכע אין מעגלעכקייטן און פּערספּעקטיוו, אַ העכסט אינטענסיווע טענדענץ צו מײַדן פלאַכע אייננדײַטיקייט און סטאַטיק, אַ טענדענץ צו אופלעבן און באַנײַען די פרישקייט פון ערשטן אָפּשפּיר, פון ערשטן באַריר צו דער וועלט, וועלכע איז מיט איר גאַנצער שאַפונגס־קראַפט, מיט אַלע אַשירעס און שעפע אַרײַנגעצויגן אין לײַדנשאַפטלעכער איבערלעבונג, אין צוזאַמענהאַנג און פאַרקער, אין „קעגנזײַטיקן אויסטויש".

און נאָך אַ טענדענץ האָט זיך פילבאַר געפעסטיקט אין „אומרויִקן ווינט" און אין „דאָס אייביקע פײַער" — אַ טענדענץ צו אויסברייטערן די טעמאַטישע האָריזאָנטן פונעם ליד מיט מאָטיוון פון אַ פאַרגאַנגענער קולטור־היסטאָרישער סוויווע, מיט אַ דאַנקבאַר יוירעש־געפיל בענעגייע פיל און פיל דוירעס פון באַלמעלאָכעס, קינסטלער, טרוימער.

איך האָב שוין געהאַט דערמאָנט דאָס ליד, ווו גרוביאַן גיט איבער אַ ריי קאָלאָריטפולע שטריכן פונעם גאָלדפאַדן־טעאַטער. איך לייען אַ צווייט ליד — „וועלוול זבאַרזשער", ווו די פיגור פונעם פּאָפּולערן פאָלקס־זינגער איז געשילדערט אין אַן איבערפלעכט פון פאָלקסטימלעך־שטייגערישע פאַרבן און שיר ניט נעווײַשע „אַזעס": „אויב גאָט... וויל, אַז דאַפקע איך, וועלוול פון זבאַרזש, זאָל לידער שרײַבן און זינגען, טאָ זאָל ער... אַ זאַק מיט ציבל און קאַרטאָפל צו מיר אין שטוב ברענגען..." איין קורצער איבערגאַנג, און דער ייִכעס־פאָדעם ברענגט גרוביאַנען צו מענדעלען: „באַ דעם זיידנס מאַצייווע... שטיי איך און פלאַם, אויסגעצויגן, ווי אַ ליכט". און ווײַטער, ווײַטער, דורך יאָרצענדליקער דערנידעריקונג, רעדיפעס און קאַמף, צום רעוואָליוציע־העלד, צו אָשער שוואַרצמאַנען: „אויב ס'איז באַשערט און אויב כ'בין עס ווערט — בעט איך מיר שענקען שוואַרצמאַנס פערד".

באַ גרוביאַנען איז דאָ אַ ליד „דער פאַרקישעפטער שנײַדער" און אַ ליד „שאַגאַל". איך מיין, אַז טאַקע גרוביאַן מיט זײַן נאַטירלעכער נייגונג צום באַדינגלעכן, צו „מעשוגאַסן" (זײַנס אַ באַליבט ווערטל) איז געווען גלײַך ווי באַרופן קירצן די דיסטאַנץ צווישן שאָלעם־אַלייכעמס טרויעריקן קאָמיזם און שאַגאַלס

ראָמאַנטיש־טרוימערישער פאַנטאַסטיק. אַלנפאַלס, בײַ גרוביאַנען, אין אַזאַ מין, צום
בײַשפּיל, געשטאַלט, ווי דער שנײַדער, וואָס נייט אַ קלייד פון אַ וואָלקן, טרעפן
מיר בוילעטע סימאָנים פון ביידע קינסטלערישע סיסטעמען.
דאָס נאַציאָנאַלע בײַ גרוביאַנען איז ניט קיין אָפּגעזונדערטע, אין זיך געשלאָ־
סענע ספערע, און אין דעם הינזיכט זעצט ער פאָר די הערלעכסטע טראַדיציעס פון
דער יידישער סאָוועטישער דיכטונג. גרוביאַן האָט אַנטפּלעקט געגוג מענטשלעכן
פאַרשטאַנד און כוש צו באַווײַזן די „כאַדאָקעס״ — רוסישע פויערים, „וואָס האָבן
געבראַכט אין קרעמל״, לענינען, „זשמיכע־ברויט אַ זעקל״ און „אויגן פול מיט
צאַר און אומעט״. אין קאַזאַן האָט ער זיך טיף פאַרנייגט פאַר דעם אָנדענק פונעם
בעקער־ייִנגל אַליאָשאַ פּעשקאָוו, וואָס האָט די וועלט „מיט ביכער פאַרפלייצט״.
אין גרוביאַנס לעצטע זאַמלונגען האָט זיך היפּש פאַרברייטערט זײַן דיכטערישע
„געאָגראַפיע״, אָבער ניט קיין טראַפאַרעטע רײַזע־נאָטיצן טרעפן מיר דאָ, נאָר
פולווערטיקע ליריק מיט אָביעקטיוון און פאַר גרויסע וועלטן צעפּראַלטן געמעל:
„די קאָלסקער ערד אַרויס איז מיט אַ פּײַקל באַגעגענען די מאַטראָסן״ פון טוניס
און מאַראָקאָ, ווו אוראַלטע שוואַטים „קאָוועץ... פון האַס און שטאָל אַ קאַלטע
שווערד״ קעגן זייערע אונטערדריקער. אין גרוביאַנס כידושים־פּאָעזיע האָט זיך
אָרגאַניש אַרײַנגעפּאַסט דאָס „וווּנדער־וועגעלע״ אויף דער לעוואָנע, וואָס איז „די
ערשטע קרעטשמע פאַר אונדזער כאָלעם און פאַר דעם אין טויער קלאַפּנדיקן פרי־
מאָרגן״...
וואָס אַמאָל בוילעטער, רײַפער און עכטער פלעגט מאָטל גרוביאַן אַנטשטיין פאַר
אונדז ווי אַ בלוטיק־אייגענער שוטעף צו אַלע סימכעס און טרויערן פון דער אַל־
געמיין־מענטשלעכער וועלט. און נעמלעך אין דעם דאָזיקן קרײַז געפילן און שפּי־
רונגען פון לײַבלעכן שײַכעס צו אַלעמענס פריידן און האָפענונגען, סאַקאָנעס און
דײַגעס האָט גרוביאַנס דיכטונג דערגרייכט עפּשער די העכסטע מאַדרייגע אירע.
דאָ איז ער בעעמעס טראַגיש אינעם אייגציק פּרוכטבאַרן פאַרשטיין טראַגעדיע אַלס
אויסדרוק פון די העכסטע מענטשלעכע ווערטן אין זייער קאָנטאַקט מיט געשיכטע
און אַקשאָנעסדיקן געראַנגל מיט כוישעך און אומזין.
גרוביאַן אַלס יידישער דיכטער איז צווייפאַך טראַגיש צוליב דער פּאָזיציע, צו־
ליב דעם אויסגאַנג־פּונקט אין זײַנע געדאַנקען וועגן דעם גוירל פון אונדזער
מענטשן־פּלאַנעטע: „כ׳האָב אין האַריגע־יאָר מיט מײַן צעשאָסן פאָלק געגעכ־
טיקט!״; „מײַן האַלדז — דער קוימען, דורך וועלכן די נעשאָמעס זײַנען צום הימל
געפלויגן״; „אַפן קאָפּ אַ וואַגאָן אַש פון יידישע שטעטעלעך, די צעמאָלטע, גע־
ברענטע און פאַרטיליקטע!..״ דאָס פאַרגאַנגענע וויל ניט פאַרשווינדן, און דער איי־
מעדיקער דאָרן־וועג פון זײַן פאָלק דויערט נאָך אינעם דיכטערס האַרץ... אָפּהענ־

טיקייט, פאראָקסיזם, פארגליווערטקייט? אין קיין שום פאל. פארקערט, דער דיכטער ווארפט אָפּ געזעלשאפטלעכע פאסיווקייט, אנגסטלעכע ווי און צאר, וואָס שליסן אויער און אויג פאר נייע פריידן און נייע געפארן: „לויף מיר ניט נאָך, פארגאנגענהייט, מיט געטאָס, גאז־אויוונס און טליִעס; איך ווארט אף מיין צוקונפט מיט אירע טיול־געוועבן אף די אויגן, נאָר ניט מיט אראָפּגעלאָזטע פייער־וויִעס!". דער אָנדענק וועגן דער גרויליקער פאָלקס־קאטאסטראָפע און דאָס ניט וועלן פון איר דעמאָראליזירט צו ווערן ריידן צו אונדז מיט דער זעלבער אינערלעכער קראפט, און דער „דינאמישער גלייכגעוויכט" זייערער ברענגט ארויס זעונגען און מאָטיוון פון גאָר־גאָר גרויסן באטייט. ווי, אשטייגער, די אויסגעצייכנטע „קראָ", אויסגעהאלטן אין גרוביאנס געוויינלעכן סימבאָליש־באדינגלעכן (אָבער ניט אלעגאָרישן) נוסעך:

איך זיץ אָפּט נאָך אין יענער שטוב,
וואָס איז לאנג שוין ניטאָ,
איך קוק אפן שניי דורך דער שויב,
וואָס איז לאנג שוין ניטאָ.

נאָר עס שפּרינגט אף אים, זע איך, א קראָ,
די קראָ איז דאָך אלעמאָל דאָ,
זי קען דאָך ניט לעבן אָן רויב
און ווארט אף דער בייזער שאָ.

איך זיץ אָפּט נאָך אין יענער שטוב,
וואָס איז לאנג שוין ניטאָ,
און הער, ווי די צייט קלאפּט אפן שליאך,
ווי א פערד מיט די טלאָ,
און זאָג צו מיין מאמען, וואָס איז מער ניטאָ:
מאמע, מע מוז ווידער זיין וואך!

איך בין ניט קיין פאס ביזן הימל אָן א דנאָ,
גענוג פּאָיען און פּאָיען
די אייביק־פארשאָלטענע קראָ.

„מע מוז ווידער זיין וואך!" — אָט וועגן וואָס עס האָבן געטייִנעט, געשריִען און געשעפּטשעט גרוביאנס לידער פון דער לעצטער צייט, געשריבענע „מיט טינט

און פעדער", מיט „קויל און מיט קרײַד", „מיט אש, מיט אייל און מיט אָכרע, מיט גאָלד און מיט זילבער", „מיט א בליק צו די וואָלקנס", „מיט א שטרוי פון ווייצן־פעלד", „מיט אלע טײַכן, וואָס פליסן", „מיט וויכער און פלאם" — מיט לעבן אין וועלט, מיט „קלאנגען־געמיש פון הימל און ערד". און נאָך מיט „אין אלע געגעם־שײַטערס געברענטע פליגל", וואָס שוועבן „איבער דער ערד, ווי אייביקער גײַסט פון אלע דוירעס און צײַטן!"

דעם דיכטער האָט שטארק געקימערט די „קרומקײַט" פון דער וועלט, וואָס „טראָגט אלץ נאָך א רעכטן שטיוול אף איר לינקן פוס" (גרוביאנס שוין באקאנטע עקסצענטריק!). אים האָט נאָך מער געקרענקט די פארדעכטיק־געפערלעכע קורצזיכ־טיקײַט פון יענע, וואָס פרווון „צענעמען" די וועלט, „אזוי, ווי אן אלטן כליוו": „האָט איר דען, ראָצכים, אן אנדער וועלט?", „אנדערע טירן און פענצטער, סע זאָל ארײַן דער טאָג?".

אזוי האָט זיך געקניפּט בא גרוביאנען דער ברענענדיק־אקטועלער פּאָליטישער מאָטיוו פון קעגנערשאפט און פאראכטונג צו מאָרד, פאשיזם און מילכאָמע מיט א טיף לירישן מאָטיוו פון ניט אײַנגעבראָכענער איבערגעגעבנקײַט דעם לעבן און פארליבטקײַט אין דער ערד, וואָס איז איין־און־איינציק און האָט ניט אין אומ־וועלט קיין שום פארטרעטערנס אָדער „דובליקאטן".

אזא האָט ער, מאָטל גרוביאן, פארלאָזט די וועלט — ליבנדיק ביז ווײַ דעם „מיטאמאָל אין וואלד אנטפלעקטן פריילינג", „פון ערשטע פייגל דעם געשריי" און בענטשנדיק „א שטערן פול מיט שײַן", וועלכער וועט „פארלאָשן ניט ווערן" פאר נײַע און נײַע מענטשלעכע דוירעס.

ה. בעריאָזקין

אינהאלט

אין דער וועלט אַרײַן

אין דער וועלט אַרײַן 7
דער ערשטער אַרויספאָר 9
קינדהײַט 11
פארשנייטע ערד 12
„מײַן מאמע כאנע און דער טאטע מיכל...״ 13
אוטאָפּאָרטרעט 15
מײַן וואנדער־קינד 17
מײַן אלעפבייס 19
„לאָמיר נעמען דעם רעגנבויגן...״ 21
מיט מײַנע אויגן 23
א שטיין באם ברעג יאם 25
אין מײַן מעלוכע 27
„קום אהער צו אָט דעם וואלד...״ 28
דער אייביקער בוים 29
יאנקעלע 31
א קינד 33
פייגעלעך 34
קום ניט... 35
די שליסל 36

מײַן לעבן, מײַן וועלט

לעבן, מײַן לעבן! 39
„שרײַב איך, שרײַב און שרײַב...״ 40
אף דער לעוואָנע 42
מײַן פענעלע 44

מײַן יאם־שטעקעלע 45
מײַן װעלט 46
א גאנץ לעבן איין ליד 48
מײַן אייניקל 49
גאנצפרי 51
אַן אָריגינאל 53
דער לייטער 55
בריוו פון דער װײַט 57
װעלט 58
דאָס ערשטע בלאט 59
אַן אלטע ברעט 61
הײַנט איז ניט נעכטן 62
קװייטן 63
א רעגן 64
דער טומאן 66
װואלן פון דער צוקונפט 68
באַם פענצטער 70
די ביימער זײַנען דען קראנק? 72
א ייִד 74
„א קינד װען געבוירן סע װערט..." 76
א װאָגן אין פעלד 78
מײַן העמדל 80
בענקשאפט 82
ערשטער טוי 83
„פאָזשאלוסטא" 84
א שטעטל 86

פארבן

פארבן 93
אזא ליד 94
מעטאפאָרן 95
בא דער הויכער בריק 97
א צװײַג 98
א לעמעלע 99
װינטער 101
אין גאָרטן 102
צי קאָן איך שטארבן?.. 103
א בוים באַם פענצטער 104
צו מײַן אקטריסע 105
„כ'װיין נישט, הייסט נישט, אז איך װיין נישט..." 107

מאמעלאָשן . . . 108
דער רעגנטראָפּן . . . 110
מײַן טאַטן . . . 111
מײַן מאַמען . . . 113
פרילינג . . . 114
דער קוימען . . . 115
א גאָלדענער גערשטן . . . 116

אין שאָטן פון דעמב

דער רוסישער דעמב . . . 119
היים . . . 120
הײַנט באַנאַכט . . . 121
בא א בוים . . . 122
שטרוי . . . 123
„די פייגעלעך פּיקן מײַן פענצטער און פרעגן...״ . . . 124
דער סאָלדאַט און דער מאַלכאַמאָוועס... . . . 126
א בריטשקע פאָרן עמעס . . . 128
שטאַרבט מײַן צווייפל . . . 129
די וועסלע . . . 130
דער מענטש . . . 132
דער שנײַדער . . . 133
פרילינג בא מײַן טיר . . . 135
שאַגאַל . . . 137
„כ׳וואָלט אויך געהאַט...״ . . . 139
טויבן, טײַבעלעך . . . 140
געקומען דאָס פייגעלע . . . 142
דאָס טראַכטן . . . 144
איינמאָל אף א בערגל . . . 147
מײַן לאָשן . . . 149
וואָס וועט זײַן מיט מיר מאָרגן . . . 150
ווער זינגט מיר די לידער? . . . 151
זומער . . . 152
„צווישן מײַן זײַן...״ . . . 153
באַם פײַער . . . 154
די שטרויענע הוט . . . 155
אין איינעם א טאָג... . . . 157
דער פּאָעט . . . 158
באַם פײַער פון דער ליד . . . 159
פון מײַן פּאַך . . . 160
יאַנקעוו שטערנבערגן . . . 161

צו א פרײַנט 163
מיט דײַן ליכט 164
גאָרקי 166
„מיר זײַנען, מײַן טײַערע, מיט דיר...״ 167
ווינטער 168
מוישע טייפּן 169

אָנהייב טאָג

מײַן שטאם 173
א כאָלעם 175
„דארפסט צעלייגן אין וואלד א שײַטער...״ 176
באגינען 177
מײַן מומע ליובאשע 178
מײַן טיפּאָגראפיע 181
מינסק 183
בא מענדעלען 184
באם בירע־טײַך 185
אונדזער גאָרטן 187
מײַן קרענעצע 188
באם פײַער 190
„אין דער הייך וואקס איך ניט...״ 191
יאם 192
אין עלווע 193
א מאטאָנע 194
פון אלע פלויטן 195
„כ׳בין אין דעמב ניט אנטוישט...״ 196
„אף א גאָלדענער מיטע...״ 197
באם יעניסיי 198
דער בארג 200
כאָדאָקעס 202
די מוטער 204
די שפּעטע קווייט 206
אין וואלד 208
אף איין פוס 209
מײַן שטוב 210
ווײַנשעלעך 212
באם יאם 213
מיטן ערשטן דונער 214
דער בוים 215

מײַן גאָרטן 216
דער פּאָפּוגײַ 218
וואָס מיר איז צום הארצן 219
דער „פּרײַנט" 220

כ'האָב גאָרניט אויסגעטראַכט

דער פּאַרקן 223
כ'האָב גאָרניט אויסגעטראַכט... 225
די וועלט, אַזוי ווי אַ טיש... 226
שויטע בען פּיקהאָלץ 228
אַ צווײַגל 230
איך לעב אַף דער ערד 231
צעבראָכענער גאָט 232
דער שלײַפער 233
וואַלד 234
זון 236
דער אָנפאַנג פון דער לעוואָנע 237
גאַנצפּרי 238
שטאָט 240
ברענג מיר אַ פענצטער 241
„מעסט אויס די שטילקײַט..." 242
די קריַע גייט 243
אין גראָז 244
נאַכט 245
כאַכאָמים 247
באַם פּינישן יאַם 249
דאָס פערד 250
קרוין מיך פאַר דײַן קיניג 251
„לאָמיר שפּילן, טײַערע..." 252
קאָלסקער ערד 253
ניט קיין מאַלעך 254
אונדזער ווײַנשלבוים 255
דײַן געשאַנק 256
דרײַ נעמען 257
אינוויײניק 258
ליכטיקע פּאַראַלעלן 259
האַרבסטיקע לידער 260
דער צוריק־קער פון פייגל 261
פאַרשטאָט 262
פאַרנאַכט 264
איך לאַך ניט, אָ, ניין! 265

געזעגענונג

באם לעבן 269
„איר האָט ניט קיין פארשטאנד קיינער..." 271
ציט׳ריקע נעכט 272
קאָרטנשפיל 273
בעריאָזקעס 274
ביימער 275
„נאָר אזוי מוז איך ליגן..." 276
פילאָסאָפיע 278
פונוואנען ווייס איך — ווען? 279
ייִעש 280
מיט זיך אליין 281
אן אָדערל 282
דער טראָפּן 284
איך שרײַב ניט קיין צוואָע 285
פארן שלאָף 287
מײַן פעקעלע לידער 288
„אזא מין לעבן! — מע טראָגט מיר..." 289
ה. בעריאָזקין — הארץ און וועלט 290

Грубиян Матвей Михайлович

ВЕЧНЫЙ ОГОНЬ

(на еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1976, 312 стр. План выпуска 1976 г. № 287. Художник Г. З. Перкель. Редактор А. Ю. Гонтарь. Худож. редактор Д. С. Мухин. Техн. редактор И. М. Минская. Корректор А. Б. Стрельник

Сдано в набор 22/I 1976 г. Подписано к печати 19/IV 1976 г. Бумага 70×108$^{1}/_{32}$ № 1. Печ. л. 9$^{3}/_{4}$ (13,65). Уч.-изд. л. 8,14. Тираж 900 экз. Заказ № 54. Цена 95 коп. Издательство «Советский писатель», Москва Г-69, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.